№ 52 [53]

• פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 31 grudnia 1937 — ליכט-צינדען 3.17 — פרייטאג פ' וארא כ'ז טבת תרצ"ח

אונזער חשוב'ן פריינד **אדוו. ד"ר לייב אש**
צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען
יעקב ראָזענבערג און פרוי.

פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער טייערען פריינד **אדוו. ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
זייט גליקליך!
שמואל ניעמיראָווסקי און פרוי

צו דער חתונה פון **אדוו. ד"ר לעאָן אש** מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
ווילהעלם זשעריקער און פרוי.

בברכת מזל-טוב חמה ונלבבה אנו מברכים את מר **ד"ר יהודה ליב אש**
לבואו בברית הנשואין עם מרת **בתיה בידרמן**
תהי דרכם צלחה בחיים ובאושר. המברכים
דוד מרקוביץ ורעיתו.

דעם חשוב'ן פריינד **ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
סאמועל קאַץ און פאמיליע.

דעם נעעהרטען **אדוו. ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** — א הארציגען מזל-טוב און אַלדאָס גוטס ווינשען
שלמה שפּאַלטען און פאמיליע.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **ד"ר לעאָן אש**
מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** א הארציגען מזל-טוב און פיעל גליק
ווינשען **וואָלף איצעק און פאמיליע**

מז"ט צו דער חתונה פון אונזער חשוב'ן פריינד **ד"ר לעאָן אש**
מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
זייט גליקליך אויף אייער לעבענס-וועג.
הענריק שפּאַלטען און פאמיליע

מיין זעהר חשוב'ן פריינד **אדוו. ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** — דעם הארציגסטען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשט **יוסף גאָלדבערג**

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **ד"ר לעאָן אש** מיט פרל **בתיה בידערמאַן** ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע גליקליכע צוקונפט
ישעיה גראַנעק און פאמיליע

א הארציגען מזל.טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער חשוב'ען פריינד **ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
זייט גליקליך. **רובין בריל און פרוי.**

צו דער חתונה פון **אדוו. ד"ר לעאָן אש** מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
פיעל גליק און א הארציגען מזל-טוב ווינשט
דוד פיליפּאָוויטש און פאמיליע

חשוב'ער פריינד **ד"ר לעאָן אש,** נעמט צו אונזער הארציגען מזל-טוב
צו אייער חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן.**
זייט גליקליך.
מאיר פייגענבלאַט און פאמיליע

די הארציגסטע ברכות און פיעל גליק ווינשען מיר דעם חשוב'ען

אדוו. ד"ר לעאָן אש

צו זיין חתונה מיט פרל.

בתיה בידערמאַן

זייט גליקליך אויף אייער לעבענס-וועג

די פערוואַלטונג
פון האַנדווערקער-פערבאַנד
טשענסט. אַבטיילונג.

א הארציגען מזל-טוב און פיעל ברכות ווינשען מיר דעם זעהר חשוב'ן **ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
סעקרעטאַריאַט פון האַנדווערקער-פערבאַנד
מאג. ז. ראָזענצווייג און א. ווינער.

לס"ב בשרינו מר **ד"ר יהודה לייב אש**
לנשואיו את מרת **בתיה בידרמן**
מאחלים אנו אותם בברכת מז"ט חמה ונלבבה
אליעזר רוזנבום ומשפחתו

ברכת מזל-טוב לידידי מר **ד"ר יהודה ליב אש**
לנשואיו את מרת **בתיה בידרמן**
תהי דרכם צלחה.
יצחק מאיר קרעל

בברכת מז"ט לבבית אנו מברכים את ידידנו **עו"ד ד"ר יהודה ליב אש**
לנשואיו את מרת **בתיה בידרמן**
תהי דרכם סוגה בשושנים
יהודה ענגעל ומשפחתו

את ידידנו מר **ד"ר יהודה ליב אש** לנשואיו את מרת **בתיה בידרמן**
אנו מברכים בברכת מז"ט חמה ונלבבה.
משה רוזנצויג ורעיתו

דעם געשעצטען **אדוו. ד"ר לייב אש**
צו זיין התונה מיט פרל. **בתיה בידרמן**
די אויפריכטיגסטע וואונשען פון א גליקליך, צופרידען צואמענלעבען
ב. באָטשאַן און פאמיליע.

אונזער פריינד **אדוו. ד"ר לעאָן אש**
צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
אסתר און יעקב ראָזינער.

Z intencji zaślubin p. D-ra LEONA ASZA
z p. BASIĄ BIDERMANÓWNĄ
składają najserdeczniejsze życzenia
S. MITTLEROWIE

ברכת מזל-טוב חמה ונלבבה למר

עו"ד ד"ר ל. אש

מאחל **מיכאל רוזעוויץ**

צו דער חתונה פון **אדוו. ד"ר לעאָן אש** מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
ווינשען א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט.
מ. ח. עפשטיין און פאמיליע

אונזער ליעבען און חשוב'ען פרעזעס

אדוו. ד"ר לעאָן אש

צו זיין חתונה מיט פרל.

בתיה בידערמאַן

ווינשען א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט

די פערוואַלטונג און מיטגלידער
פון י.ט.ס.פ. „מכבי"
אין טשענסטאכאוו.

Naszemu Prezesowi Dr. L. ASZOWI z intencji zaślubin z panną B. BIDERMANÓWNĄ serdeczne życzenia składa

Sekcja gimnastyczna i piłki ręcznej pań.

Swemu Kuratorowi Adw. Dr. L. ASZOWI z okazji Jego zaślubin z p. B. BIDERMANÓWNĄ życzy szczęśliwego współżycia i wiele radości

Koło Kulturalne oraz Zarząd Świetlicy.

אונזער חשוב'ען פרעזעס ה' **ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** ווינשט גליק און צופרידענהייט
דער לייטער און מיטגלידער פון דער פוטבאל-סעקציע ביים „מכבי".

מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער חשוב'ן פרעזעס **ד"ר לעאָן אש**
צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן.**
די לייטונג און מיטגלידער פון דער פינג-פאָנג-סעקציע ביים „מכבי".

אונזער חשוב'ן פרעזעס **ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** א הארציגען מזל-טוב. חזק ואמץ!
לייטונג און מיטגלידער פון דער באָקסער-סעקציע ביים „מכבי".

פון גאנצען הארצען ווינשען מיר דעם חשוב'ן **אדוו. ד"ר לעאָן אש**
צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** א הערצליכען מז"ט און אלדאס גוטס
די גבאים און מתפללים פון מנין ע"ש הרב ז"ל.

אונזער חשוב'ן פריינד **ד"ר לעאָן אש** צו זיין חתונה מיט פרל. **בתיה בידערמאַן** א הארציגען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשען
אברהם ווייס און פאמיליע

Z intencji zaślubin
p. D-ra LEONA ASZA z p. BASIĄ BIDERMANÓWNĄ
składają serdeczne życzenia
FEYGINOWIE

מזל-טוב צו דער חתונה פון אונזער ליבען פריינד **אדוו. ד"ר לעאָן אש**
מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
א בליהענדע גליקליכע צוקונפט ווינשען
לעאָן ווייס און פרוי

צו דער חתונה פון **אדוו. ד"ר לייב אש**
מיט פרל. **בתיה בידערמאַן**
ווינשען מיר א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
הירשל מיטעלמאַן און פרוי

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פערבען אַלערלײ קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעקאַטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אַכטונג: פלעקען ווערען אַרויסגענומען אויפ'ן אָרט
ס'ווערען אויך אָנגענומען מאגאזין-העמדער צום פרעסען
אַלץ צו ביליגע פרייזען.

הנני משתתף בצער העמוק של **משפחת לוונהוף**
לרגלי אבדתם הגדולה בהלקח מהם אביהם היקר
שלמה געצל ז"ל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים
לייב רובינשטיין

Z intencji zaślubin
p. JÓZEFA ZOMBKA z p. REGINĄ STERNFELD
wiele szczęścia życzy
I. KURLAND.

Z intencji zaręczyn koleżanki naszej
HELI FRANK z p. SAMUELEM GRÜNWALDEM
życzymy wiele szczęścia i zadowolenia
SALA FISZLÓWNA, RÓŻKA KATZ

WORLD-RADIO
świat w domu...
ODBIORNIKI RADIOWE
najwyższej doskonałości technicznej na dogodnych warunkach.

Posiadamy stale na składzie odbiorniki czołowych firm krajowych i zagranicznych.

Radio-Union (licencja Orion-Budapeszt)
Philips
Elektrit
Telefunken
Capello (licencja Zigelen-Wiedeń)
Kosmos
Hornyphon (Wiedeń).

Biuro sprzedaży:
WORLD-RADIO
Inż. Br. Fliegelman i S-ka
Aleja 24 w podwórzu,
tel. 25-75.

ברײנה לובלינער — לייזר פרענק
מאורשים
פּזשאַשניש — טבת תרצ"ח — קרזשעפּיץ

צו דער תנאים פון אונזער חבר **לייזער פרענק** מיט פרל. **בראָנקע לובלינער**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט על הרי ציון ווינשט
די פערוואַלטונג
פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קזשעפּיץ.

מזל טוב צו דער תנאים פון אונזערע פריינד **לייזער פרענק** מיט פרל. **בראָנקע לובלינער.**
זאָל אייער צוקונפט זיין בצציהרט מיט רויזען.
אברהם שילית און פרוי און חיה שרה זאלצבערג.

צו דער תנאים פון אונזער ברודער און שוואָגער **לייזער פרענק** מיט פרל. **בראָנקע לובלינער** די הארציגסטע ברכות ווינשען
אשר פרענק, פרוי און פאמיליע.

נ"ע **יטא רייכער** פון דערהיים **בערגמאַן** אשת המנוח ר' **מענדל** ז"ל

איז געשטאָרבען נאך לאנגע און שווערע ליידען אין עלטער פון 74 יאהר.

די לויה איז פאָרגעקומען דאָנערשטאג, דעם 30 דעצעמבער 1937 י.

אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

קינדער און פאמיליע.

עס איז נישט אין אָרדנונג

אין טשענסטאָכאָווער יודישען לעבען זענען פערהאַנען א רייהע פראַגען, וועלכע דאַרפען בעקומען אַן'ענטפער, נאָר ליידער איז די לאַגע אַזעלכע, אז מיר האבען נישט די דרייסטקייט צו פרעגען, ווייל גאָר פשוט—עס איז נישטא ביי וועמען.

נעמען מיר, למשל, די פראַגע וועגען ווינטער-הילף פאַר די אָרימע הונגעריגע יודישע משפחות אין אונזער שטאָדט, אוודאי וואָלט מען געקאָנט קומען מיט א טענה צו דער קהלה, פאַרוואָס זי אָרגאַניזירט נישט אזא אקציע. אויב זי קאָן נישט צוליב מאַנגעל אין געלד געבען פון איהרע אייגענע פאָנדען, טאָ זאָל זי לכל הפחות נעמען די איניציאַטיוו אַזאַ קאָמיטעט צו בעשאַפען. איז אָבער די קהלה נאָך ביז איצט נישט בעשטעטיגט, אזוי אז מען קאָן די איצטיגע לייטונג אפילו נישט וועגען דעם אויפפאָדערען.

אנדערע היגע געזעלשאַפטליכע כלל-טהוער זענען ווידער פערנומען מיט זייטיגע „היכלש" ענינים, אזוי אז אויך צו זיי קאָן מען נישט קומען אין פאָדערען, אז זיי זאָלען זיך אַראַבלאָזען צו אַזעלכע פּראָזאאישע טאָג-טעגליכע פראַגען, ווי צו בעזאָרגען די היגע אָרימע יודען מיט קאַרטאָפעל און קויהלען.

און דערווייל איז דאס אָרימקייט א שרעק. הונדערטער יודישע שטובען אין אונזער שטאָדט האבען נישט קיין שטיקעל קויהל און נישט קיין ביסעל קאַרטאָפעל און צו וועמען צו ווענדען זיך האבען זיי נישט.

אמת, פאַר'ן פוילישען יודענטום שטעהען וויכטיגע פּראָבלעמען, וועלכע פערדרוקען אין א זייט אַזעלכע „קליי-ניגקייטען"—צו פערזאָרגען די אָרימע מיט קויהלען און קאַרטאָפעל, עס האַנדעלט זיך וועגען קיום האומה, מען טאָר דאָך אָבער צוליב דער גרויסער אויפגאַבע נישט פערגעסען וועגען די קליינע אויפגאַבען, וועלכע זענען שוין גאָרנישט קליינליך.

האבען מיר אָבער נישט צו וועמען זיך צו ווענדען און פון וועמען צו פאָדערען, איז עס טאַקי שטאַרק נישט אין אָרדנונג.

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואָך

– דער סיים האט בעשלאָסען צו דערהאַלטען דעם לאָקאַטאָרען-שוץ בלויז פאַר קליינע דירות ביז צוויי צימערן מיט א קוך. וואס שייך די וואוינונגען פון 3 צימערן מיט א קוך, וועלען זיי נאָך געניסען פון לאָקאַטאָרען-שוץ ביז'ן 31-טען מערץ 1939 און דאן וועט די רעגירונג קענען פערלענגערען די דאָזיגע הנאה ביז'ן 30-טען יוני 1942. דאס נייע געזעץ וועט דעם 4 טען יאַנואר בעהאַנדעלט ווערען דורכ'ן סענאַט.

– עס ווערען פאָרטגעזעצט די אַרבייטען פון דער אָרגאַניזאַציע-קאָמיסיע צו שאפען דעם דעמאָקראַטישען פראָנט אין פוילען. דער דעמאָקראַטישער פראָנט וועט בעשטעהן פון דריי אָרגאַניזאַציעס: פ. פ. ס., פויערים פּאַרטיי און לינקע פאַטריאָטען (לעגיאָניסטישע אָפּאָזיציע און „לעגיאָן מלאָדיך"). דער דעמאָקראַטישער פראָנט זאָל ענטשטעהן סוף יאַנואַר פון קומענדיגען יאָהר.

– אין שפּאַניען קומען ווייטער פאָר פערביסענע קאַמפען אַרום טערועל. די אויפשטענדער האבען ווידעראמאָל באָמבאַרדירט מאַדריד.

– אין בראַזיליע איז לויט אַ דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט אויפגעלעזט געוואָרען די דאָרטיגע היטלעריסטישע פּאַרטיי, די א. ג. אונטעגראַליסטען. גלייכצייטיג זענען אויך פונאַנדערגעלאָזט געוואָרען די איבריגע פּאָליטישע פּאַרטייען.

– אין רוים איז געשטאָרבען דער פוילישער אמבאַסאַדאָר ביים וואַטיקאַן, גראַף סקרזשינסקי.

– יאַפּאַנישע אַעראָפּלאַנען האבען באָמבאַרדירט די ענגלישע שיף „לעידי בירד". אין ענטפער אויף דער ענגלישער נאָטע וועגען דעם אינצידענט האָבען די יאַפּאַנער איבערגעבעטען די ענגלישע רעגירונג, ערקלערענדיג זייער גרייטקייט צו דעקען אלע שאָדענס.

– די יאַפּאַנישע קריגס-אָפּעראַציעס אין כינע ווערען פאָרטגעזעצט. די יאַפּאַנער גרייטען-צו אַן'אַנגריף אויף קאַנטאָן, די הויפּט-שטאָדט פון דרום-כינא, וועלכע איז שוין בּאָמבאַרדירט געוואָרען פון דער לופט.

– עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען דער ענדגילטיגער רעזולטאַט פון די פאַרלאַמענט-וואהלען אין רומעניען. די רעגירונגס קאָאַליציע פון ליבעראַלען פרעמיער טאַטאַרעסקו האט בעקומען בלויז 37 פּראָצענט פון אלע שטימען און וועט וואַרשיינליך מוזען רעזיגנירען. אין נייעם פאַרלאַמענט זענען געוועהלט געוואָרען העכער 100 אנטיסעמיטישע דעפּוטאַטען. די יודישע פּאַרטיי האט נישט בעקומען קיין איין מאַנדאַט.

– די א"י-רעגירונג האט בעשטעטיגט דעם פּראָיעקט פון א נייער הלואה פאַר תל-אביב אין דער הויך פון 175 טויזענד פונט אויף אָדורכצופיהרען דרענאַזש-אַרבייטען און נייע שאָסעע-וועגען.

– אין ירושלים איז געשטאָרבען אין עלטער פון 62 יאהר דער געוו. דירעקטאָר פון „קרן היסוד" אין לאנדאָן, בערטאָלד פייוועל. דער פערשטאָרבענער איז געווען א פערדינסטפולער ציוניסטישער עסקן און קולטור-טהוער. ער האט זיך בעטייליגט אין פיעל ציוניסטישע קאָנגרעסען. ער איז אויך געווען מיטגליד פונ'ם פינאַנץ-און ווירטשאַפטס-אַמט ביי דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

– די מיליטערישע אַקציע געגען די אַראַבישע טעראָר-באַנדעס אין צפון פון ארץ ישראל האט צו פערצייכענען בעדייטענדע ערפאָלגען, אין דער אַקציע בעטייליגען זיך איבער 6.000 זעלנער חוץ פּאָליציי, וועלכע האבען בעזעצט די דערפער, וואס זענען ארומגענומען דורך דער אקציע. עס איז אויך פערשטאַרקט געוואָרען די שמירה ביי דער סירישער גרעניץ. מען ערוואַרט, אז דאסמאָל וועט די מיליטערישע אקציע ענרגילטיג ליקווידירען די טעראָריסטישע באַנדעס.

– אין תל אביב איז ערמאָרדעט געוואָרען אין א באַנדיטען-איבערפאַל דער 78-יעהריגער שמואל לואיס מיט זיין פרוי חנה. דאס אלטע פּאָר-פאָלק איז געקומען קיין ארץ-ישראל פון ניי-זעעלאַנד. די מערדער ווערען געזוכט דורך דער פּאָליציי.

– אין פאַריז איז געשטאָרבען דער בערוהמטער יודיש-פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטאָר מאָריס דאַוועל. דאַוועל האט זיך אויך פערנומען מיט פאָרשען די מיטעלאַלטערליכע יודישע מוזיק אין שפּאַניע און אפריקע.

– דעם 4-טען יאַנואַר הויבט זיך אָן אין קראָקאָווער געריכט דער גרויסער פּראָצעס געגען דר. דראָבנער, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין אַנטי-מלוכה'שער טעטיגקייט. דר. דראָבנער געפינט זיך די גאַנצע צייט אין תפיסה.

– דינסטאָג אין אָוונט האבען די פּראָפ. פעראיינען אין פאַריז געשטעלט דער רעגירונג אַן'אולטימאַטום, מען זאָל צוריקציהען די מיליטערישע לאַסט אויטאָמאָבּילען, מיט וועלכע מ'האט פונאַנדערגעפיהרט שפּייז - פּראָדוקטען, נישט געקוקט אויפ'ן שטרייק פון די טראַנספּאָרט-אַרבייטער.

די רעגירונג האט דעם אולטימאַטום אָבגעוואָרפען און אלס ענטפער דערויף האבען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל-שטרייק. אין משך פון דער נאַכט זענען צום שטרייק צוגעשטאַנען די עלעקטראָווניע, גאַזאָווניע, אונטערערדישע באַהן, טראַמוויען, אויטאָבּוסען, די שטאָדטישע אינסטיטוציעס, שטאָדטישע אנגעשטעלטע, די בעדינער אין די שפּיטעלער, די שאָפערען פון די טאַקסי-בוקסעס און נאָך פיל אַנדערע אַרבייטער.

P. R. GENISŁAWÓWNIE i RODZINIE z powodu zgonu

b. p. OJCA Ich

wyrażają najgłębsze współczucie

Henryk i Dawid Kongreccy.

Żonie, p. Karoli, p. Róży oraz Rodzinie Genisław
z powodu zgonu Ich ukochanego Męża i Ojca

b. p. ICKA

wyraża szczery żal i głębokie współczucie

RODZINA FUTERKO.

Koleżance biurowej,

p. Róży Genisławównie

z powodu zgonu ukochanego

OJCA Jej

składa wyrazy szczerego współczucia

Personel biurowy f-y D. Kongrecki

סילוועסטער-אַטראַקציעס...

קליינער פעליעטאָן

רבותי, איך בין מודיע בפני קהל ועדה, אז איך האָב היי-יאָהר איינגעאָרדענט א סילוועסטער באַל מיט אלע קלימפערלעך, און דער עיקר—מיט א סך וויכטיגע אַטראַקציעס, ביי וועלכע די געסט האבען זיך זעהר געוויילט און וועלען דאס, וואס זיי האבען געזעהן און געהערט, לאַנג, לאַנג נישט פערגעסען.

היות אָבער, ווי אויפ'ן סילוועסטער-באַל האבען נישט געקאָנט זיין אנוועזענד צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ אלע פערבעטענע געסט. וויל איך אייך דעריבער דערצעהלען, ווי אזוי עס האט אויסגעזעהען דער סילוועסטער-באַל און וואס פאַר אַטראַקציעס מיר האבען אלץ געהאט.

קודם כל וויל איך אייך מאָטיווירען, ווי איך קום אייגענטליך אויפ'ן געדאַנק איינצואָרדנען א סילוועסטער-באַל. איז עס א פשוט'ער ענטפער: א גאַנץ יאָהר ווערט מען פערשוואַרצט און פערפינסטערט, מען ווערט אויסגעריסען פון דאגות פרנסה און פון נאָך אַזעלכע „קליינ-יגקייטען". קומט איינמאָל ניי-יאָהר. פאַרוואָס זאָל מען זיך נישט אַביסעל פערגעסען, נעמען א קאָפּקעלע און זיך משמח זיין, דאָן טאָרט איהר נישט פערגעסען, אז די לעצטע יאָהרען איז סילוועסטער געוואָרען כמעט א ריין-יודישער יום טוב, מיט וועלכען אלע יודען האבען זיך געפרעהט. סילוועסטער איז דאָך נישט קיין כאַאינקע, וואס נאָר יחידי סגולה אָרדנען איין; עס איז דאָך עפּעס, דער היימישער ליבער סילוועסטער, נו, וויל איך זיך נישט אויסשליסען פון כלל-ישראל און האָב אויך איינגעאָרדענט א סילוועסטער-באַל.

א טבע האָב איך, אז ווען איך אָרדען שוין איין א שמחה, זאָל עס זיין מיט אלע פּיטשפּוקעס. האָב איך זיך טאַקי פערזעהען מיט א ראַדיאָ, וואס זאָל אויפכאַפּען ידיעות פון דער גאַנצער וועלט צוזאַמען מיט א טעלעוויזיע, אז מען זאָל קאָנען זעהען, וואס ס'קומט פאָר אין אלע טיילען פון דער וועלט; איך האָב זיך אויך פערזאָרגט מיט אנדערע מכשירים, וועלכע זאָלען דינען דער געזעלשאַפט, וואס איז זיך געקומען משמח זיין אויפ'ן טראַדיציאָנעלען ניי-יאָהר באַל.

צו דער בעשטימטער שעה, האט זיך דער עולם פערזאַמעלט. דאס רוב געסט האבען געטראָגען מאַסקעס אויף די פּנימ'ער, אזוי ווי ס'איז היינט אין דער מאָדע.

אין אָנהויב האט מען געשמועסט וועגען וועטער, וועגען פרויען, וועגען מאָדע, נאָר שפּעטער האט זיך דער עולם אנגעהויבען צו פעראינטערעסירען, מיט'ן באַל און די אַטראַקציעס.

– ווייזט אונז ליבער פריינד,—האָבען זיך צו מיר געוואָנדען די געסט—די אַטראַקציעס, וואס איהר האט פאַר אונז צוגעגרייט, כ'לעבען מיר זענען זעהר נייגעריג.

איך האָב זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטען און צוגעטרעטען צום ענין.

קודם כל האָב איך אויסגעלאָשען די ליכט, ווייל דאס, וואס איך האָב זיי געוואָלט ווייזען קאָן נאָר געשעהן, ווען עס הערשט אַרום און אַרום חושך, פינסטערניש, און באַלד האט זיך געלאָזט הערען דער ראַדיאָ מיט זיינע משונה'דיגע קולות.

צוערשט האט מען געהערט א פערשטיקט געוויין פון קינדער, וועלכע האבען מיט די לעצטע כחות זיך געבעטען וועגען עסען, האט מען באַלד אנגעשטעלט דעם טעלעוויזיע-אַפּאַראַט און מען האט געזעהן טויזענדער שפּאַנישע קינדער שטרעקען אויס זייערע דאַרע מאָגערע הענטלעך און בעטען א שטיקעל ברויט, פונדערווייטענס שטעהט אַנ'ענגלענדער מיט דער פייפע אין מויל, קוקט זיך צו צו דעם אַלעם און אויף זיין פּנים ליגט א קאַלט, רוהיג שמייכעלע. דערפאַר אָבער איז דער נעבען שטעהענדער פראַנצויז שטאַרק דענערווירט און דערלאַנגט פון זיין טאַש ארויס פערשידענע שפּייזען די קינדער, עס איז אָבער אַלץ צו ווייניג, עס סטייעט נישט פאַר אלע קינדער, וויינען טאַקי די הונגעריגע שפּאַנישע קינדער און בעטען עסען.

דאָן הערט מען דונערען, אזוי ווי האַרמאַטען וואָלטען גערעדט. מיר שטעלען אָב דעם אַפּאַראַט און פאַר אונזערע אויגען שטעלט זיך פאַר עפּעס אזוינס, וואס מאכט דעם איינדרוק ווי א מלחמה, מיר קוקען זיך גוט צו און מיר זעהען, ווי יאַפּאַנישקעס באָמבאַרדירען כינעזישע שטעדט און הונדערטער און טויזענדער כינעזער וואַלגערען זיך צוקוילעטשעטע, צו'ממית'עט איבער די וועגען און שטעגען פון זייער לאַנד. מיר קוקען ווייטער און זעהען ווי גאַנצע שטעדט ברענען און מענשליכע ברואים מיט געלע פּנימ'ער, לויפען אַרום ווי משוגע'נע און ווילען זיך ראַטעווען דאס בידנע לעבען, נאָר זעלטען, זעלטען עס זאָל זיי געלונגען.

דאס דאָזיגע בילד איז געווען אזוי רייצענד, אז פאַר גרויס עמאָציע האט אונז פערפעהלט אָטעם, האבען מיר אָנגעשטעלט דעם אַפּאַראַט אויף אַן'אַנדערן פונקט, צו מערב צו.

אויפ'ן מערב איז געווען אזוי פינסטער, אז מען האט גאָרנישט געזעהן, עס איז ממש געווען וימש חושך. דערפאַר אָבער האט מען געהערט רעדען, נאָר דאס קול איז נישט געווען קלאָר, גאָרנישט קיין מענשליכע רייד, נאָר ווי עס וואָלט גערעדט א דבוק ר"ל, וואס איז אַריין אין א פיער-פיסיגע חיה. דאס קול האט געגרילצט, אז א שרעק, א פחד איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלען.

מיר שטעלען ווידער אָן דעם טעלעוויזיע-אַפּאַראַט און זעהען א אוניווערזיטעט אין מדינת פוילען. עס קומט פאַר א לעקציע, די סטודענטען אַנשטאָט אויסצוהערען די לעקציע, שפּיעלען זיי זיך גאָר אין א באָקס-מעטש. מען האַלט זיך אין איין קיילען, דערביי שטויסט מען א גרופּע סטודענטען פון סעמיטישען אויסזעהן אויף לינקס, נאָר יענע לאָזען זיך בשום אופן נישט, זיי בעקומען קלעפּ, בלוט רינט פון זייערע קעפּ, זיי שטעהען קוים אויף די פיס, נאָר זיי ווילען בשום אופן נישט זיך לאָזען שטופּען אין דער אזוי גערופענער געטאָ.

– א חרפה—דערהערט זיך א קול דורכ'ן ראַדיאָ. מיר האָרכען זיך צו און דערקענען דאס קול וואס קלינגט גלייכצייטיג אויף ענגליש און פראַנצויזיש. דאס פּראָטעסטירען ענגלישע, אַמעריקאַנישע, פראַנצויזישע און בעלגישע פּראָפעסאָרען געגען די באָקס-קאַמפען, וועלכע קומען פאָר אין די פוילישע אוניווערזיטעטען. דאס קול פון ראַדיאָ, וואס איז אין אָנהויב געווען אזוי קלאָר און דייטליך, ווערט אָבער באַלד אָבגעשוואַכט, ווייל פון דער צווייטער זייט, וואו דער שווי-שפּיעל-פּלאַץ געפינט זיך, ווערט א טומעל, ס'דערהערט זיך א סאַרקאַסטיש געלעכטער. דאס לאַכט מען אויס די בעלג'ישע פּראָפעסאָרען און מען וואַרפט זיי פאָר, אז זיי זענען שבת-גוים. די פּראָפעסאָרען פּראָטעסטירען ווייטער, פון דער צווייטער זייט אָבער האַלט מען זיי אין איין פערשרייען, הויבט אָן דער ראַדיאָ צו שוואַנקען און מאַכט דעם איינדרוק, אזוי ווי א בייזער שטורם-ווינט וואָלט זיך אריינגעריסען אין א ליכטיג וואַרעם צימער און לעשט אויס דאס ליכט און רייסט אָראָב די בילדער פון די ווענד...

מיר קוקען ווייטער און זעהען: אין א רייהע שטעדט און שטעדטלעך, שטעהען פּיקעטען פאַר די יודישע געוועלבער און לאָזען נישט אריין קיין קונים. פון דער צווייטער זייט שטעהען ווידער מענשען מיט טעקעס אונטער'ן אָרעם און פאָדערען פון די זעלבע סוחרים געלט פאַר פּאַדאַטקעס. דערביי שטעהט דער פערשטעהער, וואס איז געזעצט צו האַלטען אָרדנונג אין לאַנד, קוקט זיך צו צו דעם בילד, גלעט די וואָנסעס און מיט א צופרידענעם שמייכעל זאָגט ער: אָוושעם, אָוושעם!...

א לענגערע צייט זענען מיר געזעסען און זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיגער אזוי הערליכער אַטראַקציע. פּלוצים דערהערט מען א קול, אזוי ווי אַנ'אָקס וואָלט געשריגען. לאָזט מען באַלד אין גאַנג דעם טעלעוויזיע אַפּאַראַט און מיר זעהען, אז דאס האבען זיך די אָקסען פערזאַמעלט און פייערען די יאָהר-צייט זינט עס איז איינגעפיהרט געוואָרען די שחיטה-גזירה און פאַר גרויס פרייד, וואס מען שיסט זיי, אַנשטאָט דעם, וואס מען האט זיי ביז יעצט געשאָכטען, האבען זיי זיך אָזש צוהירזשעט, ווי די אמת'ע בהמות.

אזוי זענען מיר אָבגעזעסען א לענגערע צייט און געזעהן, פערשידענע אַטראַקציעס, איינע אינטערעסאַנטער פון דער אַנדערער, פּלוצים איז געוואָרען א געשריי: ליכט! זאָל ווערען ליכטיג! גענוג מיט דער פינסטערניש!

מען ווערט דאָך דערשטיקט פון דעם חושך, וואס דאָ הערשט! ס'האט נישט געהאָלפען מיין בעמערקונג, אז אויב עס וועט זיין ליכטיג, וועלען דאָך נישט מעגליך זיין די אלע וואונדערבאַרע אַטראַקציעס, וועלכע מען האט דאָרט געזעהן. אלע האבען מיט איין קול געפאָדערט דוקא ליכט; זיי זענען מוחל די אַטראַקציעס, אבי עס זאָל ווערען ליכטיג.

לאין ברירה האָב איך געמוזט נאָכקומען די בקשה פון די געסט, נאָר דערווייל האָב איך צוליב דער געדיכטער פינסטערניש אין וועלכע מיר געפינען זיך שוין א לאַנגע צייט, נישט געקאָנט געפינען דעם קאָנטאַקט. און מיר געפינען זיך דעריבער נאָך דערווייל ווייטער אין דער פינסטער און קוקען זיך ווייטער צו צו די אויבענדערמאַנטע סילוועסטער - אַטראַקציעס...

מענשען, ווען וועט פאַרט שוין ווערען ליכטיג און עס וועלען פערשוואונדען ווערען די קאָשמאַרע סילוועסטער-אַטראַקציעס?...

סמאל

דער אָבוועהר - קאַמף פון יודישען קרעמער

(צום פראָפּאַגאַנדע-חודש פון יודישען דעטייל און קליינהענדלער)

אין דעם קאמף, וועלכען דער אַנ-טיסעמיטיזם האט אָנגעוואָרפען דער יודישער געזעלשאפט, שטעהט דער יו-דישער דעטאַליסט און קליינהענדלער אין דער פראָנט-ליניע. די דאָזיגע שיכט פון דער בעפעלקערונג ליידט אַממעהרסטען פון די פיקעטען און באָיקאָט-פּראָפּאַגאַנדע: אויף איהרע פלייצעס טראָגט זי אויס די גאַנצע כוואַליע פון זאָאָלאָגישען אַנטיסעמיטיזם, וואס האט זיך ברייט פונאַנדערגעגאָ-סען איבער'ן יודישען מאַסען-לעבען. די יודישע קראָם איז געוואָרען א הפקר און א ציל ברעט פאַר די גיפטיגע פיי-לען פון די צעיושעטע אַגיטאַטאָרען.

דער לעצטער קאָנגרעס פון קריסט-ליכען סוחרים, ווי אויך דער אלוואָ-לינער צוזאַמענפאַהר פון קריסטליכע סוחרים אין ראָווינע, זענען פערוואַנ-דעלט געוואָרען אין א אויסגאַנגס-פונקט פאַר א נייער קאַמפּאַניע געגען יודישען האַנדעל. איבער'ן גאַנצען לאַנד האבען זיך אָנגעהויבען „טעג פון קריסטליכען האַנדעל", וואס האבען דעם ציעל אָבצוציהען דעם קונה פון יודישען געשעפט און צווינגען איהם צו קויפען נור אין קריסטליכע פירמעס. די דאזיגע „טעג" דאַרפען דויערען אין משך פון דער גאַנצער ערב-חגאות-צייט, אויף וועלכער די סוחרים, אויסגעהונגערטע פון פדיון וואַרטען מיט אונגעדולד.

לאַנגע חדשים האבען די יודישע דעטאַליסטען און קליינהענדלער גע-שוויגען, וואַרטענדיג געדולדיג, אַז עס זאָל געמאַכט ווערען א סוף צו דער ווילדער אַנטיסעמיטישער העצע, וואס קאָסט אָב פוילען שווערע מיליאָנען, אַנאַרכיזירט און פעראָרימט די מלוכה. זיי האבען געגלויבט, אַז די דעסטרוק-טיווע אַרבייט פון די אַנטיסעמיטען, וואס רואינירען ווירטשאַפטליך דאס לאַנד, וועט אָנטרעפען אויף אַ דעצי-דירטען ווידערשטאַנד מצד די בערו-פענע דערצו פאַקטאָרען. ליידער זענען זייערע דערוואַרטונגען נישט מקוים געוואָרען און די כוואַליע פון באָיקאָט-שנעון שטייגט כסדר, דערגרייכענדיג שוין אפילו צו אונז, וואו ד' איז ביז איצט נישט געווען.

אויפ'ן רוף פון צענטראַלען דעטאַ-ליסטען און קליינהענדלער-פאַרבאַנד זענען די יודישע קליינהענדלער אָרגאַ-ניזאַציעס אַרויס צו אַנ'אָבוועהר אַקציע, אָרגאַניזירענדיג אין דער צייט פון 10-טען דעצעמבער ביז'ן 10-טען יאַנו-אַר ק. י. — א „פּראָפּאַגאַנדע - חודש פון יודישען דעטאַל-און קליינהענדלער". אין משך פון דער צייט וועלען פאַר-קומען גרויסע פערזאַמלונגען פון יודי-שע קליינהענדלער, אויף וועלכע עס וועט אויפגעוויזען ווערען די ווירט-שאַפטליך-צושטערערישע ראָל פון באָי-קאָט און די יודישע קליינהענדלער וועלען גערופען ווערען צום מוטיגען אויסדויער און צו אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין. גלייכצייטיג דערמיט וועט אין דעם „חודש פון יודישען דעטאַל און קליינהענדלער" פערשטאַרקט ווע-רען די פּראָפּאַגאַנדע פאַר מאָדערניזי-רען דעם יודישען קראָם און צופאַסען איהם צו די היינטצייטיגע בעדערפני-שען, פאַר ריינקייט אין די געשעפטען און העפליכע בעהאַנדלונג פון קונים, פאַר געהעריגע דעקאָראַציעס פון גע-שעפטען און שוי-פענסטער, פאַר אָרגאַ-ניזירען געמיינזאַמע איינקויפס שטעלעס, כדי צו פערשטאַרקען די קאָנקורענץ-פעהיגקייט פון סוחר אדג"ל.

א בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט וועט געווידמעט ווערען די פראַגען פון אַריינבריינגען א צופלוס פון ביליגע קרעדיטען אין דעם יודישען דעטאַל-און קליינהאַנדעל, וואס זאָל דערלוי-בען איבערצוהאַלטען די שווערע צייט אין דורכצופיהרען די נויטיגע אינוועס-טיציעס. פונקט ווי די עפענטליכע קרעדיט-אינסטיטוציעס ערטיילען מיל-יאָנען קרעדיטען דעם קריסטליכען קרעמערטום, מוזען זיי אויך שטעהן אָפען פאַר דעם יודישען האַנדעל. גלייכצייטיג דערמיט וועט מצד דער יודישער געזעלשאַפטליכקייט געפאָדערט ווערען צו לענקען מעהר אויפמערק זאַמקייט ביי דער פערטיילונג פון קאָנסטרוקטיווער הילף אויף דער שיכט פון די קליינהענדלער.

צום פּראָפּאַגאַנדע-חודש האט די צענטראַלע פון די קליינהענדלער אַרויס-געגעבען אַ ענטשפּרעכענדע ליטעראַ-טור. עס איז דערשינען אַ דאָפּעלט-נומער פון צענטראַלען קליינהענדלער-אָרגאַן „אונזער האַנדעלס לעבען" מיט א רייכען פּראָפּאַגאַנדע מאַטעריאַל. עס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען אי-בער דער גאַנצער פּראָווינץ צענדלי-גער טויזענדער פּלאַקאַטען אין דער פּוילישער שפּראַך צו קאָנסומענטען, וואס רופען צו קויפען דאָרט, וואו עס איז ביליגער, צו שפּאָרזאַמקייט. אויסער דעם זענען ערשינען פערשידענע קלע-נערע אויפרופען, וועלכע ווייזען אָן, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר קאַמף צווישען קריסטליכען און יודישען קרע-מער, אַז ביידע מוזען געהן האַנד ביי האַנד, כדי מיט געמיינזאַמע כחות צו הויבען ווירטשאַפטליך דאס לאַנד.

די אַקציע, וועלכע עס האבען אָנגע-הויבען די יודישע קליינהענדלער האט א גרויסע בעדייטונג. זי וועט אַנטקע-גענווירקען דעם מאַראַזם און יאוש-שטימונגען, וואס האבען בעהערשט גרויסע טיילען פון יודישע קרעמער און וועט זיי דערמוטיגען אין דעם שווערען קאַמף געגען די פינסטערע רעאַקציאָנערע כחות. די אַקציע פון די יודישע דעטאַליסטען און קליינהענדלער פערדינט אויף א וואַרמע אונטערשטי-צונג מצד דער גאַנצער יודישער בע-פעלקערונג. זאָלען די יודישע דעטאַ-ליסטען, קרעמער, סטראַגאַן-הענדלער און מאַרק-טעטהער פיהלען, אַז אין דעם שווערען קאַמף זענען זיי נישט איינזאַם, אַז מיט זיי איז דאָס גאַנצע יודישע פאָלק, וועלכעס וועט ווירדיג פערטיידיגען יעדע בעדראָהטע יודישע פּלאַצובקע.

ש. יערין

די יודישע קאטאקומבען אין רוים

(רייזע-איינדרוקען)

פון יצחק לעווין

געוועהן איז עס אין א זוניגען נאָכמי-טאָג, ווען די היץ האט חשק געהאַט צו פערוואַנדלען די אייביגע שטאָדט אין א גרויסער בראָט-רעהר און שנעל דאָרט אָבצופּרעגלען ווען מען עס וועט זיך נאָר לאָזען. האב איך גראָד געזוכט שוץ און אָבקיהלונג אין איינער פון די איינצעלנע קאַמערן פון קאָלאָ-סעאום, וואס אַספּסינוס דער קיסר און זיין זוהן טיטוס האבען אויפגעשטעלט. איך בין געשטאַנען און בעוואונדערט דעם ריזיגען, ממש גיגאַנטישען פער-נעם פון דער אַמפיטעאַטער - חורבה, וואס איהר דורכמעסער איז 126 מעטער, די פעריפעריע 527 מעטער און די הויך 50 מעטער. דאָרט האבען פופציג טויזענד צושויער זיך געקענט צוקוקען צו די קאַמפען פון די גלאַדיאַטאָרען מיט די ווילדע חיות, וועלכע האבען געהאַט זייערע בעהעלטענישען אונטער דער ערד און פלעגען אויסגעהונגערטע מיט אַמאָל אַרויסשפּרינגען און מיט דער גרעסטער רציחה זיך וואַרפען אויף זייערע קרבנות. איך בין געווען פער-זונקען אין געדאַנקען און געטראַכט וועגען דעם ים פון בלוט, וואס איז איינגעזאַפּט אין אָט דעם באָדען צווי-שען די שטיינער, קומט צו מיר צו פלוצים אַ אַלטער איטאַליענער און וועקט מיך אויף:

— סיניאָרע, ס'איז א שאָד ביי דער היץ צו בעזיכטיגען דאס קאָלאָסעאום. איך ראָט אייך, מאַכט ליבער א שפּאַ-ציר איבער קאָנסטאַנטין-טויער דורך „וויא אַפּפּיא". ס'איז א יופי פון א שפּאַציר, זאָג איך אייך. איהר וועט נישט חרטה האבען, און איך, טאַקי איך, מעלד זיך אַלס פיהרער. איך וועל אייך ווייזען די קאַטאַקומבען. זעהר אינטערעסאַנט. און גאָר ביליג. א קימא לן פון אזוי פיעל און אזוי פיעל לירע. גלויבט מיר, אַז ס'קומט מיר גוטע דריי מאָל אזוי פיעל לויט דער טאַקסע. איהר ווילט, קען איך אייך ווייזען (און ער מאַכט א מינע, ווי ער וואָלט גע-וואָלט עפּיס אַרויסשלעפּען פון דער טאַש, נאָר נאַטירליך טהוט ער דאס נישט, ווייל אין אמת'ן קומט איהם זי-כער א דריטעל פון דעם, וואס ער פערלאַנגט, דער גנב!)

דערהערט וועגען די קאַטאַקומבען-האב איך בעקומען אַפּעטיט, נאָר וואס פאַרא קאַטאַקומבען? זענען אויך דאָ יודישע? — פרעג איך. יאָ, נאָר זיי זע-נען ווייט און מען קימערט זיך וועגען זיי ווייניג. נו, ס'מאַכט נישט אויס, איך וויל דווקא זעהען די יודישע. מיר זע-נען אַדורכגעקומען וועגען פּרייז, ווייל ער האט נישט וואַרטענדיג כמעט אויף מיין אָנבאָט נאָכגעלאָזט באַלד מעהר ווי די העלפט (אוי, האט ער מיך דער-צו אויסגענאַרט, דער שווינדלער!), און מיר פאָהרען.

די געגענד איז אָנפאַנג געווען א שעהנע. נאָכ'ן קאָנסטאַנטין-טויער האט זיך בעוויזען א העריליכער גאָרטען. א לייכט ווינטעל האט ביי דער רייזע א ביסעל אָבגעקיהלט די היץ. ביי דער סאַן-סעבאַסטיאַן-גאַס זענען פון דער ווייטענס אויסגעגאָסען די ריזיגע קאַ-ראַקאַללאַ טערמען און מיר זענען נעהנטער צוגעפאָהרען, כדי צו בעזיכ-טיגען די געוואַלדיגע חורבה פון אָט דעם באָד, וואס דער רוימישער קייזער קאַראַקאַללאַ האט מיט זיבעצען הונדערט יאָהר צוריק אויפגעשטעלט פאַר זיין פאָלק (אין די פערשידענע מוזעאומס אין וואַטיקאַן, פלאָרענץ און נעאַפּאָל האב איך דערנאָך געזעהען די ריזיגע מאַרמאָר-סטאַטועז און פּראַכטפולע פער-ציהרונגען, וואס זענען אין דעם דאָזי-גען, אפשר גרעסטען באָד אויף דער וועלט געשטאַנען און זענען שפּעטער אַוועקגענומען געוואָרען). פון דאָרט האבען מיר גענומען די ריכטונג פון „וויא אַפּפּיא".

א גלייכער שאָסיי האט זיך אָנגע-הויבען צו שלענגלען נאָך צוויי גרויסע טויערען, נאָכ'ן דרוזוס-בויגען און דער „פּאָרטאַ די סאַן סעבאַסטיאַנאַ", גע-דיכטע מויערען האבען איהם פון ביי-דע זייטען אַרומגענומען. ס'האט אויס-געזעהען, אַז פערשלאָסען איז די וועלט פון רעכטס און לינקס, און ס'איז נאָר דאָ דער נישט וויכטיג ברייטער וועג, וואס אויף איהם האבען זיך אָבגעשפּילט אזוי פיעל היסטאָרישע געשעהענישען.

שנעל זענען מיר געפלויגען איבער דער וויא-אַפּפּיא, אָבער ס'האט דאָך געדוי-ערט א היבשע וויל, ביז מיר זענען שטעהן געבליבען פאַר אַ קליין טויערל אין דער לינקער מויער.

— דאָ זענען די „קאַטאַקאַמבע עב-ראַאיקע" — זאָגט מיין פיהרער — געהט, אויב איהר ווילט אַריין און איך וועל וואַרטען דרויסען...

איך האב באַלד דערקאַנט אין זיין „שפה רפה", אַז ס'מוז דאָרט נישט נישט זיין וויכטיג היימליך. ער האט נישט געהאַט דעם מינדעסטען חשק מיך צו בעגלייטען. זיין פיהרערשאַפט האט זיך, לויט זיין מיינונג, געענדיגט ביים קליינעם טויערל, נו איז אויך גוט.

נאָך דער מויער האט זיך געוויזען א הייזעל מיט א גרויסען גאָרטען. פאַר'ן הייזעל זענען געזעסען עטליכע פרויען און נייגעריגע געקוקט אויפ'ן פרעמדען וואס איז דאָרט, ווייזט אויס, אַ זעלטענהייט. איך זאָג, אַז איך וויל אָנקוקען די קאַטאַקאַמבען. אַ, צו דעם מוז מען האבען דעם מאַן. און מען הויבט איהם אָן צו זוכען אין גרויסען גאָרטען. אין א מזל'דיגער שעה איז ער געפונען געוואָרען. דערהערט, וואס איך וויל, גייט ער אַריין אין הייזעל און קומט אַרויס מיט עטליכע ליכט אין דער האַנד. דאַן געהן מיר צוזאַמען ווי-טער.

מיר זענען געגאַנגען ווייט דורכ'ן

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אויפ'ן שוועל פון נייעם יאהר

דאס יאהר 1937 איז געווען א יאהר פאַר יודען—אַזאַ יאהר אויף אונזערע שונאים. וואס שייך צו רעדען, ס'איז שוין איינמאָל געווען א יאהר.

נעמען אויסרעכענען אַלע צרות בפרטיות, וואָלט קיין פּאַפּיער נישט געסטייעט ס'וועט גענוג זיין צו זאָגען, אַז ס'איז געווען א יאהר פון בלויז צרות, מעהר צרות ווי דאס יאהר צעהלט זיך.

איצט שטעהען מיר אויף דער שוועל פון נייעם יאהר און קוקען מיט טריבע אויגען אין דער צוקונפט, טראַכטענ-דיג, וואס וועט אונז ברענגען דאס נייע יאהר. צי וועלען די זעלבע צרות אויך הערשען אין יאהר 1938 אָדער וועלען זיי שוין א סוף איינגעמען.

אויף שריט און טריט הערט מען נאָר די ווערטער: ס'איז נישט גוט, עס ווערט וואס אַמאָל ערגער. די אַנטיסע-מיטישע חיה האט זיך מיט די שאַרפע צעהנער איינגעביסען אין אונזער לייב און וויל אונז פערציקען.

בעטען מיר טאַקי: תכלה הרשעה, מיט'ן סוף פון 1937 טען יאהר, זאָלען פערשוואונדען ווערען די צרות, וועלכע מיר ליידען פון די צוררי היהודים, פון די אַנטיסעמיטען, און אויך די צרות, וואס דער כלל ישראל האט פון זיינע אייגענע ברוגזע ברואים, זאָל זייער געביין פערשוואונדען ווערען פון צווישען אונז.

דאס איז אונזער הייליגסטער וואונש אויפ'ן שוועל פון נייעם יאהר.

אריינגעטראָפען אין פינטעל...

דאס, וואס די יודישע סוחרים הא-בען זיך אַקעגענגעשטעלט די פּיקעט-ניקעס און [illegible] צו די קריסטליכע קונים, אויפווייזענדיג זיי די ריכטיגע כוונות פון די פּוילישע סוחרים, וועלכע זענען נאָר אויסען צו בצרייסען די קריסטליכע קונדען און גלייכצייטיג זיי גערופען צו קויפען דאָרט, וואו מען בעקומט גוטע סחורה פאַר ביליג געלד, האט געטראָפען אין פינטעל. די קריסטליכע קאָנסומענטען האבען געעפענט די אויגען און דערזעהען די נעץ, וואס די, וועלכע שטעלען אַוועק די פּיקעטען פאַר די יודישע געוועל-בער, האבען פאַר זיי אויסגעשפּרייט, און זיי האבען טאַקי אָנגעהויבען צו קויפען מאַסענהייז אין יודישע קראָ-מען.

זענען די ענדעקעס די לעצטע טעג אַרויס מיט א העסליכען פּאַמפלעט גע-גען דעם יודישען כלל, און אזוי ווי קיין אַרגומענטען אָבצוענטפערען הא-בען זיי נישט געהאַט, האבען זיי אזוי ווי די ווילדע הינט, וועלכע רייסען זיך אָב פון דער קייט, אָנגעהויבען צו האַוקען און צו בילען מיט א העסליך גערילצעריי, שרייבענדיג אויף יודען: גנבים, פּאַסקודניקעס און נאָך אַזעלכע איי-דעלע עפּיטעטען פון זייער לעקסיקאָן.

נאָכמעהר האט זיי הפנים פערדראָ-סען דאס, וואס זיי האבען בעצאָהלט די פּיקעטניקעס געלט און די לעצטע האבען נישט אַריינגעבראַכט אפילו די הוצאות. נו, האבען די ענדעקישע סוחרים געשאָלטען און געזידעלט פאַר גרויס כעס און האַרצוועהטאָג די יודען.

פון די ענדעקעס קאָן מען, נאַטיר-ליך, קיין איידעלע ווערטער נישט דערוואַרטען, דאס בעווייזט אָבער, אַז דער געלען-אַטאַק פון די יודען האט זיי געטראָפען אין ריכטיגען פינ-טעל...

מסתמא זענען זיי גערעכט...

ס'האט איינער אויפמערקזאַם גע-מאַכט אַהיגען נאַציאָנאַלען יוד הלמאי ער שערט זיך אין די היינטיגע צייטען, ווען דער באָיקאָט איז אזוי שטאַרק געגען יודען, דווקא אין א נישט-יודישער רעזורע, האט דער יוד געזאָלט ענטפערען, אַז ערשטענס, איז ער שוין צוגעוואוינט, דאס ביי זיין קאָפּ און פנים זאָלען זיך בעשעפטיגען נישט יודען, והשנית, האַלט ער אַז — — אזוי ווי ער האט אָנגעהויבען צו שטאַמלען, האט עס יענער פערשטעהט זיך, אָנגענומען פאַר א תירוץ...

דאס זעלבע איז געווען בעת מען האט געפרעגט א יודישען יונגעמאַן, וועלכער צאָהלט אויף „קרן היסוד", האט א פּושקע פון „קרן קימת" און דאַווענט די ימים-נוראים אין דער שטאָט שוהל, פאַרוואָס ער גיט זיינע אויבערוועש צו וואַשען דווקא אין א נישט יודישער וועשעריי און דווקא אין אַזאַ וועשעריי, וועלכע איז בעקאַנט מיט איהר אויסגעשפּראָכענער אַנטי-סעמיטישקייט, האט ער אויך געענט-פערט: ע, בע, מע...

א סך וואונדערען זיך אויך, הלמאי די יודישע יונגעלייט בעזוכען א נישט-יודישען אַנשטאַלט אין דער ערשטער אַלעע און בעצאָהלען א מטמון מיט געלט פאַר שפּיעלען דאָמינע און בילאַרד, אינדערצייט, ווען דער זעל-בער אייגענטימער איז אַנ'אויסגע-שפּראָכענער אַנטיסעמיט און גיט נישט צו לייזען קיין איין גראָשען קיין יודי-שען סוחר. אויך די יודישע יונגע לייט, וועלכע טראָגען אַוועק זייערע פער-האָרעוועטע גראָשענס דעם דאָזיגען שונא-ישראל, האבען נישט קיין ריכ-טיגען ענטפער פאַר זייערע טהאַטען.

מיר ערקלערען קאַטעגאָריש, אַז מיר פּרעדיגען נישט חס ושלום קיין באָיקאָט אויף קיין קריסטליכע אונ-טערנעהמונגען, מיר האבען אָבער דאס רעכט צו פאָדערען אין נאָמען פון אָבוועהר-קאַמף, אַז מיר זאָלען נישט בעצאָהלען אונזערע אויסגעשפּראָכענע שונאים מיט אונזער געלט.

נאָר רעד היינט, רעד מאָרגען, אַז אונזערע יודען טהוען זיך פאָרט דאס זייעריגע. זעהען דאָך די אויבענדער-מאַנטע קריסטליכע אונטערנעהמונגען, אַז זיי זענען מיט זייער באָיקאָט אַגי-טאַציע געגען יודען מסמתא גערעכט...

א מעשה מיט צוויי קוני לעמיל...

ביי גאָלדפאַדענען איז פאַרהאַן א טעאַטער שטיק א. נ. „די צוויי קוני-לעמיל". דאס איז א מעשה, ווי אזוי צוויי בחורים, וועלכע האבען געוואָלט איין כלה, און איינער פון זיי, א קוני-לעמיל, א הינקענדיגער און א בלינ-דער אויף איין אויג, נאָר א פרומער חסידישער יוד, איז געפעלען געוואָרען דער כלה'ס פאָטער פאַר אַנ'איידעם, דאַגעגען דער צווייטער בחור, א יונג מיט ביינער, א היינט-וועלטיגער, נאָר א „דאַטש", האט ווידער געפאַלען דער כלה אָבער נישט דעם מחותן. וואס טהוט דער וואוילער יונג? פער-שטעלט ער זיך אויך פאַר א קוני-לעמיל, מאַכט זיך הינקעדיג און בלינד אויף אַנ'אויג, גראַמירט זיך ס'פנים, ער זאָל זיין עהנליך צום אמת'ן קוני-לעמיל און ערשיינט פאַר דער כלה'ס פאָטער. דער מחותן, מיינענדיג, אַז דאס איז דער אמת'ער קוני-לעמיל, שרייבט מיט מזל תנאים, ערשט שפּע-טער, ווען עס קומט דער ריכטיגער קוני-לעמיל, ווערט מען געוואויר די בראָך, נאָר ס'איז שוין צו שפּעט.

אַזאַ ענליכע געשיכטע האט גע-טראָפען אין אונזער שטאָדט.

א געוויסע פאַמיליע ראַדאָשיצקי האט איינגעצאָהלט אין יודישען שפּי-טאָל דעם געהעריגען אָבצאָהל, כדי ווען די פרוי, וועלכע האט זיך געריכט אין קימפּעט, וועט נויטיג האבען, זאָל זי בעקומען א סעפּאַראַטקע, ווי אויך די געהעריגע בעדינונג.

אין א קורצער צייט אַרום ווענדעט זיך צום אַקושער דאָקטאָר פון יודישען שפּיטאָל א געוויסער ראַדאָשיצקי און מעלדעט, אַז זיין פרוי דאַרף געבוירען א קינד און ער וואָלט געגרן געוואָלט, אַז מען זאָל זי נעהמען אין שפּיטאָל אַריין. דער דאָקטאָר, דערהערענדיג דעם נאָמען ראַדאָשיצקי, האט זאָפאָרט אויסגעשריבען א קוויטעל אין שפּיטאָל און פעראָרדענט, אַז מען זאָל די קימ-פּעטאָרען געבען א סעפּאַראַטקע, דאַן האט ער אַלאַרמירט די שפּיטאָל-הייבאַם און צוגעזאָגט, אַז אויך ער, דער דאָק-טאָר, קומט תיכף צו דער קימפּעטאָרין.

ס'פערשטעהט זיך, אַז דעם דאָק-טאָר'ס בעפעהל איז באַלד אויסגע-פיהרט געוואָרען, ווען דער דאָקטאָר אָבער איז אָנגעקומען און דערזעהן די קימפּעטאָרין, איז איהם נעביך פינ-סטער געוואָרען פאַר די אויגען. ער האט דאַן בעמערקט, אַז אַנשטאָט די פרוי ראַדאָשיצקי, וועלכע האט איינ-געצאָהלט פאַר אַלעם גרייטען, ליגט גאָר דאָ אַנ'אַנדערע פרוי, וועלכע הייסט גראָד אויך ראַדאָשיצקי. ס'האָ-בען נישט געהאָלפען די טענות פון דאָקטאָר, אַז דאָ איז פאָרגעקומען א טעות, אַז ער האט געמיינט, אַז דאס געהט צום קינד יענע ראַדאָשיצקאַ, וועלכע האט בעצאָהלט. דערווייל האט אָבער די אָרימע קימפּעטאָרין ראַדאָ-שיצקאַ בעקומען וועהען און לאין ברירה האט מען געמוזט אָננעמען ס'קינד.

ערשט אין א צייט אַרום איז אָנגע-קומען די אמת'ע ראַדאָשיצקאַ און

גרויסען גארטען און צוגעקומען צו א
פעלד. אויפ'ן וועג האט זיך פון דער-
ווייטענס דערקענט דער אריגינעלער
קבר-בנין פון צעציליא מעטעללא, דער
פרוי פון רייכען „טריאומוויר" קראסוס.
מיר זענען ווייטער געגאנגען דורך א
שמאלע סטעטשקע צווישען שטרויכען,
ביז מיר זענען צוגעקומען צו א טרעפ.
לאנג האט זי שוין דארט קיין מענש
נישט בעטרעטען, ווייל זי איז געווען
פערגאסען מיט מעך און ווילדע קריי-
טער. מיר געהען אראב די טרעפ און
מאכען אונטען נאך א פאר שריט, ביז
מיר שטעהן פאר'ן איינגאנג פון א
הייל. דער איטאליענער צינדט אן די
ליכט און מיר געהן אריין.

מיט א געבויגטען קאפ הויב איך
זיך אן ארומצוקוקען. פון ביידע זייטען
פון שמאלען, קרומען וועג, וועלכען
מיר פאסירען, זענען ארויסגעשטעלט
ווי שטיינערנע ארונות. אין מאנכע
זעהט מען נאך ווי רעשטלעך עצמות.
צוליעב דעם טונקעל פלאטערדיגען
ליכט און דעם רויך, שאפט זיך דער
איינדרוק, ווי די יאמע וואלט געווען
עפעס א געשפענסטער-הייל. עס שוי-
דערט. מעהר ווי צוויי טויזענד יאהר
זענען זיי דאך איינגעמויערט... נאך
ליגט דא טאקע דאס געביין פון די
רוימישע יודען פון דער צייט פון בית
שני?

לאמיר זוכען אויפשריפטען. אט איז
א טאוועל. עטליכע לאטיינישע ווער-
טער. עלטערן זענען מוריע, אז זיי
האבען צו אייביגער רוה אנידערגע-
לעגט זייער קליין טעכטערל. א יודיש
קינד? ס'קאן פונקט אזוי געמאלט זיין,
אז דאס איז געווען א קליינע רוימע-
רין, נאר באלד ווייזט זיך נאך אנ'-
איפשריפט שווער ענטציפערבאר, בלויז
א לייכטער, א מנורה איז דייטליך
אויסגעקריצט. די מנורה איז א בע-
ווייז, אז ס'איז דא געלעגען א יודישע
פרוי. נישט הייס ווייזען זיך ווייטערע
טאוולען מיט גריכישע איפשריפטען.
איך דערנעהנטער מיין ליכט און הויב
אן צו סילאביזירען. אלטע ווירדענטרע-
גער ליגען דא בעגראבען.

פון צייט צו צייט קומען מיר צו א
אבצווייגונג אין דער אונטערערדישער
הייל. מיר קומען אריין אין קאמער.
מען זעהט נאך אביסעל פארציהרונגען,
דאס איז א פאמיליען-קבר.

דער ווענד אין דער קאטאקומבע
נעמט נישט קיין עק. דאס אטעמען
ווערט שווער. איך געפין נישט קיין
אנדערע אויפשריפטען, נאר כסדר לא-
טיינישע און גריכישע. איך איבעררייס
די טויט-שטילקייט מיט א פראגע:

— סיניארע, זענען אין ערגיץ דא
נישטא קיין העברעאישע אויפשריפ-
טען?

— יא,—זאגט ער—נאך טיפער אין
דער הייל. נאך נידריגער, מען מוז
כמעט געהן אויף די הענט, אזוי ניד-
ריג איז דארט.

פלוצלינג דערזעה איך ביי מיין
קליינעם פאקעל אויף א טאוועל גוט-
בעקאנטע יודישע אותיות. איך בלייב
שטיין און לייען. יא יודיש, געשריבען
יודיש מיט א וויאלעטען בליישטיפט,
און וואס מיינט איהר שטעהט דארט?

„בעריל טייטעלבוים, תרפ"ח"!

אט דער פערשוין איז פערקראכען
אין די קאטאקומבען מיט א פאר יאהר
צוריק און האט געהאלטען פאר ריכטיג
איבערצולאזען א דויערענדען סימן, אז
ער איז דא געווען. אנדערש פאסט
איהם גארנישט, יענעם בעריל טיי-
טעלבוים, נאר ער מוז זיין אויף א
טאוועל אין די רוימישע קאטאקומבען.
נו, האב איך איהם ענטדעקט, אז איך
גיב עס איבער פאר דער גאנצער
וועלט, אז איינער בעריל טייטעלבוים
ווערט מוזכר אין די קאטאקומבען
אויף דער „וויא אפפיא" אפשר גלויבט
איהר נישט, טא זאל ער מוחל זיין
פאהרען קיין רוים און נאכקוקען אויף
דער אויפשריפט...

מיין פיהרער זעהט, וואס איך לייען
און שמייכעלט. מסתמא איז ער געווען
דערביי, ווי בעריל טייטעלבוים האט
זיך „פעראייביגט" און דאן, האב איך
איהם געפאקט ביי א ליגען. איך האב
פריהער געטראפען די „העברעאישע"
אויפשריפט, ווי ער האט עס פאר-
אויסגעזאגט.

מיר געהען ווייטער. און עס שטעלט
זיך ארויס, אז בעריל טייטעלבוים איז
נישט דער איינציגער פון היינטצייטיגע
יודען, וואס זענען דערמאנט אין די
קאטאקאמבען. עפעס א ביליצער יוד
האט זיך אויף פויליש אונטערגעשרי-
בען אויף א אנדערן שטיין און דערצו
נאך מודיע געווען, אז דאס איז גע-
שעהן אין חודש פאזדזיערניק, נו, איז
אויך דא א „פאזדזיערניק-אויפשריפט"
אין די רוימישע קאטאקומבען. א רע-
טעניש פאר די ארכעאלאגען אין הונ-
דערט יאהר ארום!

נאך א לאנגען וואנדערן בין איך
צוגעקומען צום אויסגאנג פון דער
הייל. ענדליך א פריש ביסעל לופט,
ענדליך א זון-שטראהל. מיט א גע-
פיהל פון ערלייכטערונג לעש איך אויס
דעם פאקעל און דריי זיך צוריק דאס
לעצטע מאל צו דער שווארצער יאמע:
רוהט ווייטער צוויי-טויזענד יעהריגע
עצמות! רוהט אלטע טאוולען מיט
בעריל טייטעלבוים און מיט'ן ביליצער
פאזדזיערניק!...

דר. מעד. נ. בערנשטיין (טשענסטאכאוו)

וואס דארף יעדער מענש וויסן וועגן דער קרעבס-קראנקהייט (ראק)

2.

דער קרעבס הויבט זיך געווענליך
אן אלס א קליין געוויקס אדער אלס א
קליינע וואונד, וואס בילדעט זיך אויף
אזעלכע שטעלען, וועלכע זענען אמ-
מייסטען אויסגעזעצט אויף פערשידענע
ארט רייצונגען און ענטצינדונגען. יעדע
רייצונג אדער ענטציגדונג רופט-ארויס
דאס וואקסען פון נייע צעלען, וועלכע
זאלען דינען צו פערהיילען, צו פער-
דעקען די וואונד. ביי א קרעבס וואונד
ווערען די נייע אנגעוואקסענע צעלען
קיינמאל נישט צייטיג דאס פערוואונ-
דעטע ארט צו דעקען. די קרעבס-צע-
לען בלייבען תמיד יונג, זיי ווערען
נישט רייף און אין דעם שטעקט די
גאנצע קראנקהייט. א טייל פון זיי
שטארבט פריהצייטיג אב; זייער טויט
בעפרייט אזעלכע סובסטאנצען, וועלכע
רופען ארויס א שנעלער וואקסען און
טיילען זיך פון די אנדערע צעלען
אויפ'ן פלאץ.

נישט אויף יעדער גערייצטער אדער
ענטצינדעטער שטעלע בילדעט זיך א
קרעבס. כדי א קרעבס זאל זיך בילדען
מוז אויסער דעם אין מענשליכען קער-
פער פערהאנען זיין א ספעציעלע אנ-
לאגע, א ספעציעלע ענדערונג אין
בלוט, וואס מאכט דעם באדען גינסטיג
פאר דער קאנצעריזאציע. די פאקטא-
רען, וואס בילדען אין קערפער די
קרעבס-אנלאגע, די ספעציעלע ענדע-
רונגען אין בלוט, ווערען יעצט יעדעס
מאל בעסער בעקאנט א דאנק די עקס-
פערימענטען, וואס ווערען געמאכט
אויף ווייסע מייזלעך. די דאזיגע עקס-
פערימענטען האבען געוויזען, אז מען
קען מיט סמאלע ארויסרופען א קרעבס
אויף דער הויט פון ווייסע מייזלעך.
מען האט לעצטענס פון דער סמאלע
איזאלירט אזעלכע סובסטאנצען, וואס
זענען אומשטאנד ארויסצורופען גלייכ-
צייטיג פון איין זייט א כראנישע
רייצונג, פון דער אנדערער זייט ספעצ-
יעלע בלוט-ענדערונגען אין קערפער,
וועלכע כאראקטעריזירען די אלגעמיינע
קרעבס-אנלאגע. די דאזיגע קרעבס
ארויסרופענדיגע סובסטאנצען רופען
ארויס אנ'אלגעמיינע פערגיפטונג פונ'ם
קערפער, זיי פאראליזירען זיין נארמא-
לע אבוועהר-קראפט אזוי, אז דער
קערפער פערלירט די קראפט און איי-
גענשאפט צו קאנטראלירען דאס וואק-
סען פון מאנכע צעלען אויף גערייצטע
ערטער.

די עקספערימענטאלע זייט פון
קרעבס-פראבלעם איז זעהר אינטערע-
סאנט, זי ווארפט א קלאר ליכט אויף
די דאזיגע נאך פינסטערע קראנקהייט.
דאס קרעבס-געשווילעכץ איז אין אנ-
פאנג מיקראסקאפיש קליין. די קרעבס-
האפט געווארענע צעלען טיילען זיך
אהן אויפהער, פערמעהרען און צעוואק-
סען זיך. די מאסע ווערט יעדעס מאל
גרעסער. ביי מאנכען מענשען וואקסט
די געשווולסט לאנגזאם, יאהרען לאנג,
זי פערשפרייט זיך נישט, נאר בלייבט
אויפ'ן פלאץ. דאס איז די גוטע פארם.
אין אנדערע פאלען צעוואקסט זיך די
מאסע זעהר שנעל, פערנעמט יעדעס
מאל מעהר פלאץ צום שאדען פון גע-
זונטען ארגאן. דאס איז די שלעכטע
פארם. פונאנדערוואקסענדיג זיך נעמט
צו דער קרעבס פונ'ם בלוט די ער-
נעהרונג, וואס זאל דינען דעם גאנצען
קערפער, דעריבער נוצען אויס די נאר-
מאלע ארגאנען זייער רעזערוו און
דאדורך פערלירט דער קרעבס-קראנקער
זיין געוויכט. ער מאגערט-אב. אויסער-
דעם שטארבען אב א סך קרעבס-צעלען
און זייערע טיילען פערגיפטען דעם
קערפער בכלל און די בלוט-פאבריצי-
רענדע ארגאנען בפרט. דאס בלוט
רעגענערירט זיך שלעכט. די קרעבס-
קראנקע זענען שטארק בלאס, בלוט-
ארים, וואס קען אויך ענטשטעהן דורכ'ן
כסדר'דיגען בלוטען פון דער קרעבס-
וואונד.

אנ'אנדער מאל קען זיך די קרעבס-
וואונד אינפעקצירען דורך פערשידענע
באקטעריעס, דאמאלס קאן זי אויך איי-
טערן.

די קרעבס מאסע בלייבט נישט נור
אויף איהר פלאץ. מאנכע פון איהרע
צעלען, פונאנדערוואקסענדיג זיך, דרינ-
גען אריין אין די בלוט אדער לימפא-
טישע געפעס, וואס פיהרען צו די דרי-
זען אדער צו אנדערע ווייט ליגענדע
ארגאנען אין קערפער. דארט אין די
דריזען אדער ארגאנען גיבען די קרעבס-
צעלען אנ'אנהויב פון א נייער קאלא-
ניע, און די דאזיגע קאלאניעס פונ'ם
קרעבס זענען די גרעסטע סכנה פאר'ן
מענשען, ווייל מען קען זיי נישט אלע
געגוי אויסראטען ביים אפערירען דעם
קרעבס. די קאלאניעס קענען זיין מיק-
ראסקאפיש קליין און ערגיץ טיף פער-
שטעקט. נאך א געוויסע צייט צעוואק-
סען זיי זיך און גיבען א ווידערגע-
בורט פונ'ם קרעבס נאך זיין אפעראציע.
דער קרעבס איז הויפטזעכליך געפעהר-
ליך דורך זיין קאלאניזירונג פון קער-
פער. כל זמן ער ענטוויקעלט זיך אין
איין ארט האט מען נאך שאנסען איהם
צו קענען פערניכטען דורך אויסשניי-
דען אדער דורך בעשטראהלען; האט
ער זיך אבער פערשפרייט אין די דרי-
זען אריין אדער אין אנדערע ארגאנען,
דאמאלס מוז מען די דריזען אויך פער-
ניכטען. מען איז אבער קיינמאל נישט
זיכער צי האבען פערניכטעט אלע
קאלאניעס. דארום איז אזוי וויכטיג די
קרעבס - מאסע אדער קרעבס-וואונד
באלד אין אנהויב-סטאדיום צו ענטדע-
קען און זי גרינדליך פערניכטען. אום
זיין לעבען צו ראטעווען דארף דער
מענש שלאגען אלארם אין גינסטיגען
מאמענט.

געפאדערט איהר חוב, וועלכען מען
האט פערשטענדליך געמוזט בעצאהלען.
איז עס נישט די מעשה מיט יענע
צוויי קוני-לעמיל...

דאס שפיצעל איז זיי געלונגען

אין שטאדט דערצעהלט מען, פאל-
גענדען עפיזאד:

אין די טעג, ווען יודען האבע, גע-
האלטען טרויער און נישט בעזוכט קיין
קינא'ס און צוקערניעס, איז זיך ביים
געזעסען אין דער צוקערניע „ראמא"
דער יונגער דאקטאר ז. און געטרינ-
קען א שווארצע קאווע. די דורכגע-
הענדע יודישע יונגע לייט האט די
מעשה פערדראסען, היתכן, האבען זיי
זיך געפרעגט, צי איז דער טרויער
נישט חל אויך אויף דעם יודישען
דאקטאר—האט דאך זיין פעראיין עפיס
אנגענומען דעם אריער-פאראגראף;
אויך ארבייט דעם דאקטאר'ס פאטער
אין א געזעלשאפטליכער אינסטיטוציע.
הכלל, זיי האבען בעשלאסען דעם
דאקטאר אנצוטהון א שטיקעל.

אין עטליכע מינוט שפעטער קומט
אריין איינער פון די דאזיגע יודישע
יונגע לייט אין דער „ראמא" און
פרעגט ביים פארטיער, צי עס איז
נישט פערהאנען דא דער דאקטאר ז.
דער פארטיער קוקט זיך ארום און
ווייזט אן אויפ'ן דאקטאר ז. דער יונ-
גערמאן האט דאן אנגעשטעלט א
טרויעריג פנים, איז צוגעגאנגען צום
דאקטאר און איהם מיט א ריהרענדער
שטימע איינגעלאדען צו זיין קראנקער
מוטער, וועלכע איז נאר-וואס אוועק-
געפאלען און ס'דראהט איהר א גע-
פאהר. דער דאקטאר ז. האט תיכף
זיך אנגעטהון דעם פעלץ און איז
אוועק מיט'ן יונגעמאן אויף דער ווי-
זיט. אבגעהענדיג א שטיקעל וועגס,
קומט זיי אנטקעגען דער צווייטער
יונגערמאן און פרעגט דעם ערשטען
וואוהין ער איילט זיך אזוי, מיט'ן
דאקטאר. דערצעהלט איהם דער ער-
שטער יונגערמאן, אז אזוי ווי זיין
מוטער איז פלוצים קראנק געווארען
און נאך א גליק, וואס ער האט גע-
טראפען דעם דאקטאר ז. אין „ראמא",
מיט וועלכען ער געהט טאקע אהין.
וואס—גיט דער צווייטער יונגערמאן
כלומרשט א געשריי—צו דיין קראנקער
מוטער נעמסטו א יודישען דאקטאר,
וואס זיצט היינט, ווען ס'יודענטום
טרויערט, אין דער „ראמא"?!... האט
דער ערשטער יונגערמאן דערויף אויס-
געשריגען: ווייסטו וואס, פושיטשעלו,
דו ביזט טאקי גערעכט, א יודישער
דאקטאר, וואס איז זיך פורש פון כלל-
ישראל, טאר מען נישט נעהמען צו
קיין קראנקער יודישער פרוי...

הכלל. ביידע יונגעלייט האבען גע-
לאזט שטעהן דעם דאקטאר ז. אין
מיטען גאס, „פערגעסענדיג" זיך אפילו
מיט איהם צו געזעגענען און זיך צו
ענטשולדיגען פאר דער אונאנגענעמ-
ליכקייט, וואס זיי האבען איהם פער-
שאפט...

והדאקטאר, און דער דאקטאר ז.
איז געבליבען נעביך אבל וחפוי ראש,
כאפענדיג זיך, אז דאס האבען איהם
די יודישע יונגע לייט אבגעטהון א
שפיצעל פאר זיין מורד זיין אין כלל
ישראל.

דאנקזאגונג...

פון כמעט אלע טשענסטאכאווער
יודישע סוחרים און קרעמער האבען
מיר בעקומען צוגעשיקט מיט דער
בקשה צו פערעפענטליכען אויף די
שפאלטען פון אונזער צייטונג א האר-
ציגע דאנקזאגונג דער היגער ענדע-
קישער ארגאניזאציע פאר די פיקעטען
וואס זיי האבען אוועקגעשטעלט ערב
די תנאות פאר די יודישע געוועלבער.

אין דער דאנקזאגונג ווערט ווייטער
געזאגט, אז די יודישע סוחרים האבען
היי-יאהר מעהר געלייזט, ווי פארא-
יאהרען, ווען קיין פיקעטען זענען
נישט געווען און טאקי מהאי טעמא
קומט זיי דער אמת'ער דאנק.

דערביי פערזיכערען די יודישע
סוחרים די אלע קריסטליכע קאנסומענ-
טען, וועלכע האבען טראץ די פיקע-
טען דאך געקויפט אין די יודישע גע-
וועלבער, אז אויף להבא וועלען זיי
ווייטער להכעיס די ענדעקעס און אלע
איבעריגע שונאי ישראלים, געבען גוטע
סחורה און פאר ביליג, צום גינסטען
פאר'ן פוילישען פאלק און לאנד.

א גאר בעזונדערן דאנק קומט די
פיקעטניקעס גופא, וועלכע האבען
נאכ'ן אבנעמען די פאר גילדען פאר
פיקעטירען, אליין געקויפט אין די
יודישע געוועלבער.

מיר טהוען צוליב די יודישע סוחרים
און צום טראץ די ענדעקעס פערעפענ-
טליכען מיר גערן די דאזיגע דאנק-
זאגונג.

מצוה לפרסם...

מען דערצעהלט, אז אין עטליכע
יודישע שטובען האט מען היי-יאהר
אבגעריכט הלכות כאאינקע כדת וכדין.

אמאל, מיט יאהרען צוריק, האבען
כאאינקעס געמאכט אסימילירטע יודען.
די לעצטע יאהרען אבער האבען די
אזוי-גערופענע אסימילאטארען זיך אב-
געזאגט פון די „יאלקעס", דערפאר
אבער ריכטען אב דעם „סדר" נאציא-
נאלע יודען.

פון די בעריכטען, וועלכע זענען
דערהאלטען געווארען, ווייזט זיך ארויס,
אז אזוי, למשל, האט מען אין דער
שטוב פון א מענער-שניידער א יודען,
וועלכער איז א שטארקער אנהענגער
פון דער יודישער ליטעראטור און האט
א פאזיטיווע בעציהונג צו די יודישע
קולטור-ווערטען געמאכט א כאאינקע.
דאן האט מען אויך מסדר געווען א
כאאינקע ביי א נאציאנאלען יודען
אין דער צווייטער אלעע, א סוחר, ביי
וועמענס געוועלב מען האט פיקעטירט
די לעצטע צוויי וואכען, די פרוי ווי-
דער איז א חסידישע טאכטער. אויך
האט מען זיך משמח געווען ביי א
כאאינקע אין דער וואוינונג פון א הי-
גען בעוואוסטען פאבריקאנטס א זוהן
אזוי. אזוי.

לעולם וואלט געווען א מצוה ארויס-
צושרייבען די נעמען פון אט די דא-
זיגע יודען, כדי דער עולם זאל וויסען,
ווער עס זענען אונזערע „יענטעליגענ-
טען", ווייל עס איז א מצוה לפרסם...

היינט איז עס שוין נישט אקטועל...

אויף די אנפראגען פון א סך לעזער,
צי מען מעג שוין געהן אין קינא און
אין די צוקערניעס, ענטפערן מיר
פאלגענדעס:

די יודישע ראטמענער-קאלא האט
ארויסגעגעבען דעם אויפרוף נישט צו
בעזוכען די קינא'ס און צוקערניעס,
כל זמן ס'וועלען שטעהן פיקעטען
פאר די יודישע געוועלבער, און היות
ווי די פיקעטען-שטעהן שוין נישט,
איז במילא בטל דער פערבאט.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט ווי-
לען מיר אבער אויך דערצעהלען, אז
פון דעם פערבאט נישט צו בעזוכען
די קינא'ס, האבען א סך יודען געהאט
פערדרוס און דאס נישט נאר דערפאר,
ווייל זיי האבען געמוזט עטליכע טעג
זיצען אינדערהיים, נאר דערפאר, ווייל
פון דעם פערבאט האבען געליטען אונ-
שולדיגע מענשען.

אזוי, למשל, האט מען שטארק בע-
דויערט דאס, וואס די אייגענטימער
פון קינא „עדען", די ברידער קושע-
מינסקי, וועלכע מען קאן נישט חושד
זיין אין קיין אנטיסעמיטיזם—אדרבה,
זיי בעציהען זיך זעהר סימפאטיש צו
יודען, גיבען 2 מאל אין יאהר געלט-
סומעס פאר יודישע אינסטיטוציעס און
אויך פאר'ן קרן היסוד—וואס אט די
דאזיגע מענשען האבען געליטען א
שאדען. ס'איז אבער קיין אנדערע
ברירה נישט געווען.

איצט פיהרט זיך ווידער א שטיקעל
דיסקוסיע וועגען בעזוכען די צוקער-
ניעס, פערהאנען ביי אונז צוקערניעס,
וועלכע ווערען בעזוכט דורך יודען.
די אייגענטימער פון איין צוקערניע
זענען „אייראפעער", דאגעגען די איי-
געגטימער פון דער צווייטער צוקערניע
האבען ארויסגעוויזען, אז זיי פער-
אייניגען זיך מיט די אנטיסעמיטען
און ווילען אונז יודען פערטיליגען.
ווילען די יודען יעצט מאכען אזוי,
אז ביי די „אייראפעער" זאל מען
יא געהן טרינקען קאווע און אין דער
צווייטער דאגעגען זאל אסור זיין
דער דריסת הרגל. נו, מילא, זאלען
יודען טהוען ווי זיי פערשטעהען, מיר
נעמען נישט קיין ווארט וועגען דער
דאזיגער פראגע, ווייל היינט, ווען
קיין פיקעטען זענען שוין נישטא, איז
די פראגע פון נישט-בעזוכען קיין קי-
נא'ס און צוקערניעס נישט אקטועל...

מיט די ווייבער און מיט די קינדער...

דער בעקער-פראלעטאריאט האט א
פראפעסיאנעלען פעראיין, וועלכער
איז נאך געגרינדעט געווארען אין די
צארישע צייטען, אין 1912-טען יאהר
אזוי, אז דער פראפעסיאנעלער פער-
איין פון די בעקער-ארבייטער איז
כמעט דער עלטסטער לעגאלער פער-
איין אין אונזער שטאדט.

היי-יאהר איז געווארען 25 יאהר
זינט דער בעקער-פעראיין איז געגרינ-
דעט געווארען, און היות ווי ס'איז
היי יאהר געפייערט געווארען דער
40-יעהריגער יובל פון „בונד" און
היות והיות, ווי דער בעקער-פעראיין
געפינט זיך אונטער דער השפעה פון
„בונד", האט מען אויך איינגעארדענט
דעם דאזיגען יובל און טאקי אין בונ-
דישען לאקאל.

דער יובל, וועלכער איז געפייערט
געווארען דעם פערגאנגענעם שבת-צו-
נאכט'ס, איז געווען זעהר פייערליך
און די פער'חושכ'טע פערפינסטערטע
בעקער'ס האבען זיך אויסגעפוצט אין
די יום טוב'דיגע בגדים און אויף דער
שמחה זענען זיי געקומען מיט די ווי-
בער און קינדער.

לויתן

צי קאָן א קאָמאָרניק ארויפלייגען אַנ'ארעסט אויף א וואָקלאַד?

ווען א קרעדיטאָר בעקומט אַנ'אורטייל פון געריכט געגען א פּערזאָן, וועלכע בעזיצט א וואָקלאַד אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, ענטשטעהט די פראַגע, צי קאָן דער קרעדיטאָר פערלאַנגען פון קאָמאָרניק, אַז יענער זאָל ארויפלייגען אַנ'אַרעסט אויף דעם וואָקלאַד, און ווי אַזוי דאַרף דאָס געשעהן. מיט דער דאָזיגער פראַגע איז פערבונדען א צווייטע פראַגע, ווי אַזוי דאַרף אין אַזא פאַל האַנדלען דער קאָאָפּעראַטיוו, און ווען מען דאַרף ער אויסצאָהלען דעם וואָקלאַר.

לויט די גילטיגע פאָרשריפטען קומט אויס, אַז אויב דער קרעדיטאָר א. מאָהנט געלד ביי איינעם ב. און דערוואוסט זיך, אַז דעם דאָזיגען בעל-חוב קומט געלד פון א דריטער פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע צ., קאָן ער פערלאַנגען פון קאָמאָרניק, ארויפצולייגען אַנ'אַרעסט אויף דער סומע, וועלכע צ. איז שולדיג דעם ב. דאַמאָלס דאַרף דער קאָמאָרניק אַרויסשיקען צו דער פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע צ. אַנ'אויפפאָדערונג, אַז די בעטרעפענדע סומע זאָל ווערען איינגעצאָהלט דעם קאָמאָרניק און אין פערלויף פון א וואָך צייט זאָל צ. צו וויסען געבען דעם קאָמאָרניק, צי קומט טאַקע דעם ב. אַזא סומע, צי די סומע וועט בעצאָהלט ווערען, און אויב נישט, סאָ אויף וואס פאַר א סמך.

דורך ארויסשיקען אַזא אויפפאָדערונג האָט דער קאָמאָרניק ארויפגעלייגט אַנ'אַרעסט אויף דער בעטרעפענדער סומע.

לויט די פאָרשריפטען וועגען ציוויל-פּראָצעדור איז די פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע צ. מחויב אַריינצושיקען דעם קאָמאָרניק דעם פערלאַנגטען ענטפער, און פאַר עובר זיין געגען דער דאָזיגער פאָרשריפט קומט געלד-שטראָף, און אויסער דעם קאָן דער קרעדיטאָר א. פאָדערען פון צ. דעם היזק, וועלכער איז ארויסגעקומען פון נישט אָבגעבען זיך אויף דער אויפפאָדערונג פון קאָמאָרניק. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז פערהאַן א פאָרשריפט אין קאָאָפּעראַטיווען געזעץ, אַז יעדער קאָאָפּעראַטיוו איז מחויב צו היטען אַלס געהיימניש די ידיעות וועגען די וואָקלאַדען און קאָן זיי ארויסגעבען נאָר לויט דער פאָדערונג פון געריכט. עס פרעגט זיך בכן, צי איז נישטאָ קיין סתירה צווישען די ביידע פאָרשריפטען, און ווי אַזוי דאַרף האַנדלען א קאָאָפּעראַטיוו אין אַזא פאַל.

דער ענטפער אויף דער פראַגע ווערט געגעבען דורך דער בעטראַכטונג פון בעגריף וואָקלאַד. ווען איינער האָט א וואָקלאַד אין אַ קאָאָפּעראַטיוו, קאָן ער בעקומען זיין געלד אויסשליסליך דאַמאָלס, ווען ער קומט אין קאָאָפּעראַטיוו מיט דעם וואָקלאַד ביכעל. דערפון איז געדרונגען, אַז אויב דער קאָמאָרניק וויל ארויפלייגען אַנ'אַרעסט אויף א וואָקלאַד, מוז ער צונעמען ביים בעל-חוב דעם וואָקלאַד-ביכעל. האָט דער קאָמאָרניק אַזוי געטהון, פאַלט אָב די געהיימניש פון דעם וואָקלאַד, ווייל פון דעם וואָקלאַד-ביכעל ווייסט ער שוין אויף גענוי, וואו דער וואָקלאַד געפינט זיך און וויפיעל ער בעטרעפט. דער קאָמאָרניק דאַרף דאַמאַלס נישט שיקען קיין אויפפאָדערונג צו געבען איהם אינפאָרמאַציעס וועגען די געלד סומען, וועלכע דער בעל-חוב בעזיצט אין קאָאָפּעראַטיוו. דער קאָמאָרניק שיקט איינפאַך אַריין אַנ'אויפפאָדערונג אויסצוצאָהלען איהם לויט'ן וואָקלאַד-ביכעל די סומע, וועלכע עס האָט צוגעפסקנט דאָס געריכט, און דער קאָאָפּעראַטיוו איז מחויב אויסצוצאָהלען דאָס געלד דעם קאָמאָרניק אויפ'ן וואָקלאַד-ביכעל. אויב אין וואָקלאַד-ביכעל איז פאַראויסגעזעהען אַ טערמין אָדער אַ קינדיגונג, ווערט דער וואָקלאַד אויסגעצאָהלט צום אָבגערעדטען טערמין אָדער ערשט נאָך דעם, ווי דער קאָמאָרניק האָט געקינדיגט דעם וואָקלאַד.

סאָמער אָבער האָט דער קאָמאָרניק נישט געפונען דאָס וואָקלאַד-ביכעל, קאָן ער קיין אַרעסט אויף דעם וואָקלאַד נישט ארויפלייגען און קאָן דאָס געלד אין קאָאָפּעראַטיוו נישט אָבנעמען. אויב דער קאָמאָרניק וועט פונדעסטוועגען יאָ ארויפלייגען אַנ'אַרעסט אויפ'ן וואָקלאַד, נישט בעווייזענדיג דאָס וואָקלאַד-ביכעל, האָט דאָס נישט קיין יורידישע בעדייטונג. דער קאָאָפּעראַטיוו איז אָבער מחויב גלייך צו ענטפערען דעם קאָמאָרניק, אַז זיין האַנדלונג שטעהט אין סתירה צו די פאָרשריפטען פון קאָדעקס וועגען ציוויל-פּראָצעדור (אַרט. 639 פּאַר. 1) און ווערט דורכ'ן קאָאָפּעראַטיוו נישט גענומען צו קענטניס.

עס זענען געווען פאַלען, ווען קאָמאָרניקעס האָבען געהאַנדעלט נאָך אַנדערש. זיי פלעגען אַריינשרייבען אין קאָאָפּעראַטיוו, אַז זיי לעגען אַרויף אַנ'אַרעסט אויף אַלע סומען, וועלכע דער בעל-חוב בעזיצט אין קאָאָפּעראַטיוו. זיי פלעגען אַזוי אַרום אויסמיידען צו בענוצען דאָס וואָרט וואָקלאַד, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם תוך פון דער זאַך. אויב דער קאָאָפּעראַטיוו בעקומט פון קאָמאָרניק אַזא אַלגעמיינע אויפפאָדערונג, דאַרף ער אויך ענטפערען, אַז ער נעמט זי נישט צו קענטניס.

דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ געשריבען געוואָרען, בעציהט זיך צו וואָקלאַדען, ווייל אויף וואָקלאַדען איז חל די פאָרשריפט פון דעם דערמאָנטען אַרט. 639. לויט דעם דאָזיגען אַרטיקעל קאָן מען אויף סומען, וועלכע זענען געבונדען מיט א דאָקומענט, אַרויפלייגען אַנ'אַרעסט נאָר דאַמאַלס, ווען מען בעזיצט דעם דאָזיגען דאָקומענט. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ גילט אויך אין דעם פאַל, ווען דער קאָאָפּעראַטיוו האָט ארויסגעגעבען אויף דעם וואָקלאַד נישט קיין ביכעל, נאָר אַנ'אַנדער דאָקומענט,

(לויט „פּאָראַדניק ספּאָלדזיעלני").

אַ טראַגישער פאַרפאַל מיט אַ קימפּעטאָרין

א טרויעריגער פאַרפאַל האָט פּאַסירט פּערג. וואָך מיט פרוי שטערן פון וויערושאָוו.

די יונגע פרוי, א יאָהר נאָך דער חתונה, איז געגאַנגען צום ערשטען קינד. זי האָט זיך געלאָזט אונטערזוכען ביים וויעלונער שפּיטאַל-דירעקטאָר דר. פּאַטרין, וועלכער האָט איהר פאַרגעזאָגט, אַז ס'וועט זיין א שווערער געבורט. מיט א שווער האַרץ איז די יונגע פרוי שטערן אוועק אין שפּיטאָל אריין אין דער קימפּעטאָרין-אָבטיילונג.

דער געבורט איז טאַקי געווען זעהר א שווערע; מען האָט געמוזט דעצידירען זיך צו מאַכען א קייזער-שניט און די אָפּעראַציע איז גליקליך אדורך. די פרוי האָט געבוירען א זוהן און צו די 8 טאָג איז געפּראַוועט געוואָרען דער ברית.

נאָך עטליכע טעג האָט די פאַמיליע בעשלאָסען די קימפּעטאָרין אויסצושרייבען פון שפּיטאָל, הגם זי האָט זיך נאָך געפיהלט שוואַך, טראַכטענדיג זיך, אַז אינדערהיים וועט זי האָבען גוטע פלעגע און שנעל קומען צו זיך. אויפ'ן ניינטען טאָג, דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג, איז פערפאָהרען פאַר'ן שפּיטאָל א טאַקסובקע, אהיימצונעמען די גליקליכע מוטער מיט'ן קינד. מען האָט די פרוי אָנגעטהון און ווען זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט דעם ערשטען טריט, האָט זי זיך פּלוצלינג דערפיהלט שלעכט; זי האָט בעקומען א בלוט-אויסגוס און טראָץ דער באַלדיגער הילף האָט די אומגליקליכע אויסגעהויכט די נשמה.

אנשטאָט אהיים האָט מען די פרוי צומאָרגענס געפיהרט אויפ'ן וויעלונער בית-החיים, וואו מען האָט זי קובר געווען ביי שרעקליכע געוויינען און יללות.

דער טראַגישער פאַקט האָט געמאַכט א שווערען רושם אויף דער גאַנצער סביבה.

אַ פּאָר ווערטער וועגען יודיש טעאטער אין טשענסטאָכאָוו

וועגען יודיש טעאטער ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו איז שוין זעהר פיעל געשריבען געוואָרען. אויך וועגען פּובליקום האָט מען שוין פיעל מאָל געשריבען (און אויך קריטיש). דעריבער וועל איך, אַלס א טעאטער-בעזוכער, מיר ערלויבען צו זאָגען א פּאָר ווערטער.

עס האָט לײדער לעצטענס נאָך טשענסטאָכאָוו אויפגעהערט צו קומען אויף גאַסטראָלען א בעסערע טרופּע (אויסער די לעצטע מיט ה' נאָטאַן אין דער שפּיץ). און דאָס מיין איך איז צוליב פיעל סיבות. קודם-כל דערפאַר, ווייל אונזער פּובליקום פערהאַלט זיך נישט ווי עס דאַרף צו זיין אין יודישען טעאטער אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. לויט מיין מיינונג זענען אויך שולדיג אין דעם אין א געוויסער מאָס די אַרטיסטען, ווי אויך די דירעקציעס, וואָס ברענגען די אַרטיסטען.

עס דאַרף אומבעדינגט אָנגעהויבען ווערען צו שפּילען פּונקטליך, נישט מען מעלדעט, אַז פּונקטליך 9 און מען הויבט אָן צו שפּילען 10 אָוועונד אין א וואָכען-טאָג וואָלט מען געדאַרפט אָנהויבען שפּילען 8 אָדער 8.30 אָוועונד פּערוואָס זאָל מען אין דער יעצטיגער צייט אַהיימגעהן פון טעאטער 1 ביי נאַכט?

און יעצט די הויפּט-אָנגעווייטאָגטע פראַגע—ביי אונז אין טעאטער איז יעדער, וואָס גיט אויס אויף א בילעט אַ גילדען דער גאַנצער בעל-הבית און רעכענט, אַז עס קומט איהם דער בעסטער פּלאַץ, (כאָטש די ערשטע אָדער צווייטע רייהע) און ווען מען הויבט נאָר אָן צו שפּילען ווערט אַנ'עמיגראַציע אויף דער גאַנצער פּאַרע (אויף ארץ ישראל געזאָגט געוואָרען). און דאָס, האַלט איך, זענען אויך שולדיג די אונטערנעהמער, ווייל עס איז נישט גענוג צו נעמען געלד פאַר בילעטען, מען דאַרף אויך זעהען, אַז עס זאָל זיין אָרדנונג, אַז די מענשען, וואָס געהען נאָך אין יודישען טעאטער זאָלען זיין צופרידען; מען דאַרף ווייזען די ריכטיגע פּלעצער.

איך וויל אויפמערקזאָם מאַכען אויף נאָך א פאַקט. מען לאָזט אַריין מענשען אָהן בילעטען ביי אַזאַלכע וואָס ברענגען עפּעס פון רעקוויזיט אָדער וואָס אַרטיסטען גיבען ארויס קוויטלעך און נאַטירליך די מענשען פערנעמען אויך די פּלעצער (זיי זענען דאָך עפּיס די מיטבויער פון יודישען טעאטער. זיי האָבען דאָך געבּרענגט א בענקיל אָדער טישעל אין טעאטער אַריין). און ווען עס קומט שפּעטער א גאַסט מיט בילעטען פון די ריכטיגע פּלעצער מאַכט זיך א סקאַנדאַל און א טאַראַראַם, וואָס שטערט דאָס שפּילען און עס רופט ארויס א ווידערווילען ביי די בעזוכער.

אַלזאָ! זאָלען אַלע געמיינזאָם זעהן די פעהלערען אויסצובעסערען און איך בין זיכער, אַז נאָך טשענסטאָכאָוו וועט ווידער אָנהויבען קומען דאָס בעסערע יודישע טעאטער, און עס וועט ווידער אָנהייבען שטראָמען צו דער קאַסע דער בעסערער יודישער טעאטער-עולם.

א טעאטער בעזוכער.

די פּאָסט אין ניי-יאָהר

דעם 1 יאַנואַר 1938, ניי-יאָהר (שבת) וועלען די פּאָסט, טעלעפאָן און קאָמוניקאַציע-אָבטיילונגען נישט זיין טעטיג.

דעם 2 יאַנואַר, זונטאַג, וועלען די טעלע קאָמוניקאַציע - אָבטיילונגען זיין אָפען פון 9 ביז 11 פריה. דעמזעלבען טאָג וועלען אָבגעגעבען ווערען אַלערליי פּאָסט-זענדונגען.

עמעריטורען און רענטעס וועלען אויסגעצאָהלט ווערען דעם 2 יאַנואַר 1938.

פרויען אַלס זאַמלערינס אויף ווינטער-הילף

די לעצטע דעצעמבער-פערזאַמלונג אויף „גוויאַזדקע" פאַר די קינדער פון אַרבייטסלאָזע, אין וועלכער ס'האָבען זיך בעטייליגט פאָרשטעהער פון דער מאַגיסטראַט, קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס און גרויסע אינדוסטריעלע אַנשטאַלטען, האָט געגעבען אַנ'אויסגעצייכנעטען רעזולטאַט (העכער 2 טויזענד זלאָטעס).

נאָך דעם דאָזיגען ערפאָלג פון די מענער — וועט קומען זונטאַג, דעם 9 יאַנואַר קומען די רייהע אויף די פרויען אויסצופּראָבירען זייער טאַלאַנט אויפ'ן געביעט פון זאַמלען געלדער. דעם דאָזיגען טאָג וועלען אויף די גאַסען פון אונזער שטאָדט זאַמלען פאַר די אַרבייטסלאָזע אויסשליסליך פרויען פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, ווי: הויזווירטינס פעראיין, סטושעלעץ, באָהן, פּאָליציי, מיליטער, ווי אויך קאַטוילישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס א.א.

פונ'ם יודאַאיסטישען צענטער

מאָרגען, שבת פּונקטליך 3 א זייגער נאָכמ. קומט פאָר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון פּראָפ. יאַנאָווסקי א. ד. ט.: „דאָס חסידוה"— דער המשך פון אָנגעהויבענעם רעפעראַט.

„קולטורא"

דאָס איז דער נאָמען פון דער איינציגער יודישער ביבליאָטעק אין אונזער שטאָדט, וועלכע פערמאָגט א שלל פון אַלע נייעסטע ווערטפולע ביכער אין יודיש און אין פויליש, וועלכע זענען לעצטענס ערשינען.

די דאָזיגע ביבליאָטעק איז זעהר פּאָפּולער צווישען דער אַרבייטענדער אינטעליגענץ ווי אויך שול-יוגענד.

די „קולטורא" (אַלטע 20 יאָהר) ווערט אַזוי אַרום א וויכטיגער קולטור-פאַקטאָר אין אונזער שטאָדט.

פון מלבוש - ערומים

פּערג. וואָך האָט די לייטונג פון דער געזעלשאַפט מלבוש - ערומים צוטיילט פאַר אָרימע יודישע קינדער 42 פּאָר שיך.

די פּערטיילונג איז פאָרגעקומען אין דער אָנוועזענהייט פון דער פערוואַלטונג פון דער אינסטיטוציע, איינגעלאַדענע געסט און פּרעסע.

ביי דער איצטיגער שווערער צייט איז דאָס פונאַנדערטיילען 42 פּאָר שיכלעך פאַר די אָרימסטע שול-קינדער, וועלכע געהען באָרוועס א גרויסער פערדינסט פאַר דער אינסטיטוציע.

פון „טאָז"

די קינדער פון דער שול א. נ. פון ז. ווײנשטאָק האָבען צוגעשיקט 41 זל. און 10 גר. לטובת דער בעשפּייזונגס-אַקציע פאַר קינדער פון די שולען און אָכראָנקע.

ה' זילבערשטיין האָט צוגעשיקט 4 און א האַלבע קערץ קויהלען.

פון מאַגיסטראַט

דער נאַטשעלניק פון דער אַלגעמיינער אָבטיילונג פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג מאַג. פראַנטשישעק סאָאינסקי איז אוועק אויף אָברוה-אורלויב. במשך פון דער אורלויב-צייט וועט איהם פערטרעטען דער לייטער פון דער פּערסאָנאַל-אָרגאַניזאַציאָנעלער אָבטיילונג מאַג. פראַנטשישעק פּאָמושיק.

פון ק. ק. א.

דאָס אַמטירען אין ק. ק. אָ. דעם 31 דעצעמבער וועט פאָרקומען נאָר ביז 12 א זייגער מיטאָג.

בעריכטיגונג

אין „וואָס געהערט וואָס געזעהן" פון דער היינטיגער צייטונג געפינט זיך צווישען אַנדערע א מעשה וועגען א שפּיצעל, וואָס עטליכע יודישע יונגע לייט האָבען געוואָלט אָנטהון דעם יונגען דאָקטאָר ז., וועלכער האָט געזאָלט זיצען אין „ראַמאַ" בעת די טרויער-טעג פון יודישען כלל אין טשענסטאָכאָוו צוליב די פּיקעטען.

אין דער לעצטער מינוט ווערען מיר געוואויר לויט דער פעסטשטעלונג פון דאָקטאָר ז., אַז די גאַנצע מעשה איז אויסגעטראַכט און אַז דאָקטאָר ז. איז געווען אין יענע צייטען אין „ראַמאַ" און קיינער האָט איהם קיין שפּיצעל נישט אָבגעטהון.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי"

די טרענינגען פון דער באָקס סעקציע קומען פאַר נאָרמאַל 3 מאָל וועכענטליך דינסטאַג, דאָנערשטאַג און שבת אָוונד.

אין קורצען וועט פאָרקומען א באָקס-מעטש פון דער היגער „מכבי" מיט איינעם פון די שטאַרקסטע באָקס-קלובען אין פּוילען, וועגען וואָס עס וועט בעזונדער געמאָלדען ווערען.

פאָר שטעלען זיך אין שוץ פון די קינדער צושטאָכען מיט מעסערס

אויף דער באַהן-בריק צווישען דער ערשטער און צווייטער אַלעע איז פאָרגעקומען א שוידערליכער פאַרפאַל, בעת וועלכען ס'זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען דריי פערזאָן.

מיט א טאַקסיבקע זענען געפאָהרען די שאָפערען גרושטשינסקי, קושניערעק און גאָביאַלעק. אויפ'ן רוג, ביים פערקירעווען אין דער אַלעע זענען זיי שיער איבערגעפאָהרען די קינדער, וועלכע גליטשען זיך אויפ'ן זעלבען אָרט. בלויז א דאַנק דער קאַלטבלוטיגקייט פון שאָפער איז געלונגען אויסצומיידען א קאַטאַסטראָפע.

די אויפגעבראַכטע שאָפערען האָבען פערהאַלטען דעם אויטאָ און אויפמערקזאַם געמאַכט די קינדער אויף דעם נישט-פּאַסיגען אופן פון זייערע שפּילערייען.

דערויף זענען אָנגעקומען דריי פערזאָן, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אין שוץ פון די קינער און מיט מעסערס צושטאָכען די שאָפערען, פון וועלכע אַמשטאַרקסטען איז פערוואונדעט דער שאָפער גרושטשינסקי און די איבריגע—לייכטער.

דער שווער פערוואונדעטער איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין שטאָדטישען שפּיטאָל אריין, וואו ער איז פערבליבען אויף קוראַציע און די לייכט-פערוואונדעטע זענען געגאַנגען אהיים.

די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט די מעסער-שטעכער אַרעסטירט.

א פערטרעטונג פון די פויליש-פּאַלעסטינער באַנק אין וויעלון

מיר געבען צו קענטניס די וויעלונער יודישער בעפעלקערונג און אומגעגענד, אַז ה' יעקב שאַיא איז געוואָרען אָנגעטרויט די פערטרעטונג פון די „פויליש-פּאַלעסטינער קאָאָפּעראַטיווע באַנק" אין וואַרשא אויפ'ן וויעלונער קרייז און אומגעגענד.

די „פויליש-פּאַלעסטינער באַנק" ערפילט יעצט מיט די ערלויבניש פון דער מאַכט א זעהר וויכטיגע פונקציע אין א"י אויפבוי, העלפענדיג יודען אין פוילען ערווערבען פערמעגענס און ערד-שטחים אין ארץ-ישראל, כדי צו קענען זיך מיט דער צייט דאָרט איינאָרדנען.

די אַלע פּערזאָנען, וואָס האָבען בדעה אין דער צוקונפט צו עמיגרירען קיין ארץ-ישראל און ווילען זיך פריהער צוגרייטען אַנ'עקזיסטענץ מעגליכקייט, העלפט די באַנק זיי פערשאַפען פאַר דעם בעטרעפענדען א נחלה און אַנדערע רענטאַבלע אָביעקטען אין פאַרשידענע טיילען פון ארץ-ישראל מיט די בעדינגונגען פון א טייל איינצאָהלונגען און די רעשט אויסצוצאָהלען אין משך פון 2 יאָהר.

עס איז צו האָפען, אַז אין וויעלון און אומגעגענד וועלען זיך געפינען אַזאַלכע, וואָס וועלען אויסנוצען די געלעגענהייט ביי דער איצטיגער צייט פון דעוויזען שוועריגקייטען.

צו ווענדען זיך צו ה' יעקב שאַיא פּלאַץ-לעגיאָנוב № 10

קרן-היסוד-אַקציע אין וויעלון.

די היי-יאָהריגע קרן-היסוד-אַקציע אין אונזער שטאָדט איז בעשטימט אויפ'ן 29-טען סטיטשען.

עס האָט זיך קאָנסטיטויִרט א קאָמיטעט אין וועלכען עס געהען אריין די עסקנים יעקב שאַיא, הערשיל דאַווידאָוויטש, פייוויש סקושיניא, אשר מענדעלצוויטש, יוסף שאַיא, חיים באָרנשטיין, זעליג ציִנציִנאַטוס, וועלוויל לצוּוקאָוויטש, שמואל צהרליך, יעקב הערשבערג, אהרן ליב אַראָנאָוויטש און יחיאל עפּשטיין.

אַלס פּרעזעס איז געוועהלט דער ביז איצטיגער מורשה פון קרן-היסוד יעקב שאַיא.

Najnowsze odbiorniki radjowe na r. 1938
ELEKTRIT i TELEFUNKEN
Niezwykle dogodny system ratalny umożliwia prawie każdemu do nabycia tych doskonałych odbiorników
we firmie Optyk Medical, Aleja 31.

ניי-יאָהר - וואונשען אין דער סטאַראָסטווע

דעם 1 יאַנואַר פון האלב 12 ביז 1 א זייגער מיטאָג וועט דער סטאַראָסטע וולאדיסלאוו ראָמאַרינאָווסקי, לויט דער יאָהר-יעהרליכער טראַדיציע, אין זיין אַמטליכען גאַבינעט, אינ'ם בנין פון דער סטאַראָסטווע, אויפנעמען וואונשען פאַר דער רעפּובליק, מלופה פּרעזידענט פּראָפ. איגנאצי מאָשטשיצקי, מאַרשאַל רידז-שמיגלי און מלוכה מענער.

בעריכט פון דער בעקליידונגס-אַקציע פון פרויען-פעראיין „עזרה"

דעם 1-טען און דעם 29-טען דעצעמבער איז פאָרגעקומען די פערטיילונג פון מלבושים און וועש פון פרויען-פעראיין „עזרה" אין אייגענעם לאָקאַל. דער רעזולטאַט איז פאָלגענדער: עס איז געזאמעלט געוואָרען סך-הכל: 215 מלבושים, 152 שטיק וועש און 106 פּאָר שיכוואַרג (אויסער נייע ליילעכער און ציכלעך פאַר קראַנקע), וועלכע זענען פערטיילט געוואָרען צווישען 115 בכבוד'ע פאַמיליעס.

גלייכצייטיג דריקט די פערוואלטונג אויס דעם הערצליכסטען דאַנק די געעהרטע מנדבים, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער אַקציע און געשאָנקען צו דעם צוועק.

דאַנסינג אין „מכבי"

שבת, דעם 1 און זונטאג, דעם 2-טען יאַנואַר פונקטליך 5 א זייגער קומען פאָר אין אייגענעם לאָקאַל פון „מכבי" דאַנסינגען מיט דער בעטייליגונג פון א ערשטקלאַסיגען אָרקעסטער. איינגאנג פאַר מיטגלידער און איינגעפיהרטע געסט.

פון בוכהאַלטערען - פעראיין

די פערוואַלטונג פון פעראיין האט אָבגעדריקט א טאַבעלע פון אַרטיקלען, וואס אַמאָרטיזירען זיך אין פערלויף פון 5 יאָהר און וואס קאָנען אָבגעשריבען ווערען אויף אַמאָרטיזאַציע מים איינמאָל.

יעדער בוכהאַלטער און פירמע מוז זיך פערזעהן מיט אַזאַ טאַבעלע.

די טאַבעלע קאָן מען בעקומען אין לאָקאַל פון פעראיין, פּילסודסקי גאַס נר. 11 (ביים ליגנוויסטען-קלוב), טעלעפאָן נר. 14 95.

———

מאָנטאָג, 8 אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון פעראיין א פערזאַמלונג פון מישגלידער, געווידמעט דער פראַגע פון אַמאָרטיזאַציע.

אָבגעשטעלט דעם האַנדעל מיט בהמות אין די גרעניץ-פּאָוויאַטען

דער וואָיעוואָדישער אַמט אין קעלץ האט, כדי אויסצומיידען דאס פערשפּרייטען זיך פון דער פרישטשיצע פון דייטשלאַנד אַרויסגעגעבען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער ס'ווערט פּולשטענדיג אָבגעשטעלט דער האנדעל מיט קיה, אָקסען, חזירים און ציגען אויפ'ן שטח פון פּזשיסטאָין, וועגגלאָוויץ, פּאָנקי, קושניסקאָ, קזשעפּיץ, ליפּיע, פּאָפּוב און אָפּאָטוב.

גלייכצייטיג זענען אָבגעשטעלט געוואָרען די בהמות-מצוק אין קזשעפּיץ און פּזשיסטאָין. אַנ'אויסנאַהם איז געמאַכט געוואָרען פאַר קזשעפּיץ, וואו ס'וועלען קענען פאָרקומען די מערק ביים שעכט הויז און פון די דאָזיגע בהמות, וואס זענען בעשטימט אויף באַלדיגער שחיטה.

כדאי צוצוגעבען, אַז די עפּידעמיע פון דער פרישטשיצע אין דייטשלאַנד איז שטאַרק פערשפּרייט און ס'פאַלען דערפון זעהר פיל בהמות.

די בעפעלקערונג פון די גרעניץ-פּאָוויאַטען דאַרף, אין אייגענעם אינטערעס, גלייך מעלדען וועגען יעדען פאַרפאַל צו די נאָהנטסטע פּאָליציי-פּאָסטערונקעס אדער סטאַראָסטווע און פּאָליציי קאָמענדע אין טשענסטאָכאָוו.

אַפּעל וועגען ווינטער-הילף צו די אינדוסטריעלער

די האנדעלס-און אינדוסטריע-קאַמער אין סאָסנאָוויץ האט זיך געוואַנדען מיט א הייסען רוף צו אלע אינדוסטריעלע און האַנדעלס-אונטערנעהמונגען, וואס געפינען זיך אויפ'ן שטח פון דער קאַמער, אז זיי זאלען שטרענג אָבהיטען די צאָהלונגס טערמינען פון די סומען לטובת דער ווינטער הילף. די נאָרמען פון דער גרויס פון די סכומים האבען פעסטגעשטעלט די געהעריגע קרייזען.

א נייער קאָנטינגענט פון כשר פלייש פאַר טשענסטאָכאָוו

דער וואָיעוואָדישער אַמט אין קעלץ האט פאַר'ן געברויך פון דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו אויפ'ן ערשטען קוואַרטאַל פון יאָהר 1938 דעם קאָנטינגענט פון כשר פלייש אויף 195.300 קילאָ, וואס ס'מאַכט אויס 65.100 קילאָ א חודש.

פאַר דער יודישער בעפעלקערונג אין דער אומגעגענד איז בעשטימט געוואָרען דער קאָנטינגענט אויף 14.220 קילאָ א חודש.

פּראָצעס פאַר נישט-לעגאַל אַריבערפיהרען דעם טויטען קערפּער פון פאָטער

דעם 19 מערץ איז אין איינעם פון די היגע שפּיטאלען, נאך א לענגערער קראַנקהייט, געשטאָרבען דער איינוואוינער פון פּזשיסטאָין, גרוצאַ. דערהערענדיג די ידיעה וועגען טויט פון זיין פאָטער, איז באָלעסלאוו גרוצאַ געקומען אין שטאָדט אריין און דעם טויטען קערפּער אריבערגעפיהרט קיין פּזשיסטאָין, וואו ער האט איהם קובר געווען אויפ'ן צמענטאַזש.

דער יונגער גרוצאַ האט דערמיט געהאנדעלט געגען די פערפליכטענדע פּאָרשריפטען, וועלכע פערבאָטען איבערצופיהרען א טויטען קערפּער אָהן ערלויבניש בלויז אויף א שטח פון 30 קילאָמעטער.

דאס סטאַראָסטווע-געריכט האט אנערקענט גרוצאַ'ן שולדיג פאַר נישט-לעגאַל אריבערפיהרען זיין פאָטער'ס טויטען קערפּער און איהם פער'משפט אויף 50 זלאָטעס שטראָף.

געגען דעם דאָזיגען אורטייל האט דער פערמשפּטער אַפּעלירט צום קרייז-געריכט.

אלס זאכקענער איז אַרויסגערופען געוואָרען דער לייטער פון דער פּאָוויאַטאָווע אבטיילונג פאַר שאָסען און וועגען, וועלכער האט פעסטגעשטעלט, אז פון טשענסטאָכאָוו קיין פּזשיסטאָין איז 36 קילאָמעטער.

צוליב דעם האט דאס געריכט בעשטעטיגט דעם אָנגעקלאָגטען'ס שולד, נור די שטראָף געמילדערט ביז 5 זל. אדער 1 טאָג אַרעסט.

פערהאַלטען א שאָפער פאַר גורם זיין אומגליקען

דער שאָפער סטעפאַן קרול איז דעם 28 ד. ח. מיט זיין אויטאָ אַרויפגעפאָהרען אויף נאַרוטאָוויטשא גאס אויף יוזעף לעוואַנדאָווסקי, וועלכער איז דאָרט געפאָהרען אויף א ראָווער. לעוואַנדאָווסקי איז לייכט פערוואונדעט געוואָרען און דער ראָווער אין ווערט פון 120 זל. איז צושעדיגט.

דער זעלבער סטעפאַן קרול איז דעמזעלבען טאָג אַרויפגעפאָהרען אויפ'ן אויטאָבוס, וואס איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך הענריק סטזשעלעטשיק.

קרול איז געוואָרען פערהאַלטען.

געשמוגעלט סאַכאַרין אין וועסטיל

די גרעניץ-וואַך האט די לעצטע טעג פערהאַלטען א געוויסען קאזשימיעזש שטשעפּאַנסקי, וועלכער איז געקומען קיין טשענסטאָכאָוו מיט א לאַסט אויטאָ פון אויבערשלעזיען.

ביים פערהאַלטענעם איז געפונען געוואָרען א גרעסערער קוואַנטום סאַכאַרין, וואס איז געלעגען אין א ספּעציעל צו דעם צוועק אויפגענייטער וועסט, וועלכע שטשעפּאַנסקי האט געטראָגען אויף זיך.

דאס וועסטיל מיט'ן געשמוגעלטען סאַכארין איז געוואָרען פערהאַלטען.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' מ. ליפּסקי צו דער יאהרצייט פון זיין פאָטער 2 קילאָ ברויט.
ה' ל. בייגעלע צו דער יאהרצייט פון זיין פאָטער 3 קילאָ ברויט.
ה' מ. וואָלקאָוויטש צו דער יאהרצייט פון זיין פאָטער 3 קילאָ ברויט.
י. ח. ליביצקי 4 קילאָ ברויט.
ה' ראָזענשטיין 50 גר.

ווידער בעגנב'עט א קירך אין וויעלון

נאכדעם, ווי עס איז מיט א קירצער צוריק פאָרגעקומען א גנבה אין דער פּיאַרסקער קירך, איז מערג. שבת צו נאַכטס ווידער אויסגעפיהרט געוואָרען א גנבה אין דער קירכע „סאַרע" אויף לעגיאָנען פּלאַץ.

נאכדעם ווי די גנבים האבען אויסגעלערט עטליכע פּושקעס, האבען זיי זיך אראָבגעלאָזט דורכ'ן פענסטער אויף א שטריק און נעלם געוואָרען.

דער גנב איז וואַרשיינליך געשטערט געוואָרען אין דער אַרבייט, ווייל ער האט נישט בעוויזען צו נעמען אלע קאָסטעקעס און צוצוגנב'ענען ווערטפולע חפצים.

פער'משפט א טשענסטאָכאָווער ענדעק אין ראַדאָמסק

דאס קרייז-געריכט אין פּיעטרקאָוו האט אויף דער אַרויסגעפאָהר סעסיע אין ראַדאָמסק בעטראַכט דעם פּראָצעס פון 3 ענדעקעס, דערונטער פון טשענסטאָכאָווער איינוואוינער יוזעף סטישינסקי. דער בעשולדיגונגס אַקט האט סטישינסקי'ן פאָרגעוואָרפען, אז ער האט גערופען צו א בעוואָפענטען אויפשטאַנד, ווי אויך פאַר פערשפּרייטען פאַלשע קלאַנגען, וואס קענען אַרויסרופען אַנ'עפענטליכע בעאונרוהיגונג. די איבעריגע צוויי אָנגעקלאָגטע איז פאָרגעוואָרפען געוואָרען, אז זיי האבען גלאָריפיצירט א פערברעך דורך אויסגעשרייען לכבוד דאָבאָשינסקי'ן.

דער הויפּט יסוד צו דער בעשולדיגונג זענען געוועזען די ראַפּאָרטען פון די פּאָליציאַנטען, וועלכע האבען אַסיסטירט אויף די ענדעקישע פערזאַמלונגען אין פערשידענע שטעדט פון ראַדאָמסקער פּאָוויאַט.

דאס געריכט האט סטישינסקי'ן פערמשפּט אויף 7 חדשים אַרעסט, מאַגסיק'ן — אויף 3 חדשים אַרעסט און מימטשאַק'ן פרייגעשפּראָכען.

Najprzyjemniej spędzisz czas
W NOC SYLWESTROWĄ
w reprezentacyjnej kawiarni
„EUROPA"

NAJ TANIEJ MILEJ WESELEJ PRZYJEMNIEJ spędzisz NOC SYLWESTROWĄ
w kawiarni
„Grand-Cafe"

WORLD-RADIO
świat w domu...
TOSCA
model na rok 1938
to odbiornik popularny o wysokich walorach akustycznych i architektonicznych.



Cena zł. 226.—
Zakłady Radiotechniczne
WORLD-RADIO
Inż. Br. Fliegelman i S-ka
ALEJA 24 (w podwórzu).
tel. 25-75

אויפפאָדערונג

העכער צוויי יאהר ווי דער פּוטער-סוחר ה' יצחק ריכטער קומט מיר א חוב פון 25 זל. און טראָץ אלע אויפפאָדערונגען, וויל ער מיר דאס געלד נישט אָבגעבען.

איך פאָדער אויף דעם ה' ריכטער צום לעצטען מאָל, אז ער זאָל אין משך פון 8 טאג די 25 זל. בעלייגען פאַר די אינסטיטוציעס: 12.50 זל. פאַר'ן יודישען שפּיטאל און 12.50 פאַר די געז. „תומכי עניים".

אויב ער וועט דאס נישט ערלעדיגען וועל איך דערפון ציהען די געהעריגע קאָנסעקווענצען.

דאס געלד דאַרף בעלייגט ווערען אויפ'ן אויבענדערמאנטען צוועק אין רעדאַקציע פון טש. צייטונג.

מיט אכטונג
לעאָן אָבערמאַן.

Dr. med.
A. WOLBERG
choroby skórno - weneryczne
POWRÓCIŁ
i ordynuje od 4—7 po poł.
Aleja Wolności № 13
II piętro tel. 13-67.

Księgi handlowe
prowadzi długoletni buchalter-bilansista z wyższym wykształceniem handlowym.
Ceny przystępne.
Wiadomość tel 14-14.

Poszukuję dwóch
POKOI
na kancelarię w centrum miasta
Wiad. Biblioteka Lektura,
Piłsudskiego 19.

Kino „LUNA"
די העלדין פון „מאַיערלינג" און „ניצפאָן"
Daniele Darrieux
— און —
Adolf Wohlbrück
אינ'ם מעכטיגען שפּיאָנאַזש-פילם
PORT ARTURA
אַנ'אָפיציר פון ים פלאָט און זיין יאַפּאַנישע פרוי אין דער נעץ פון יאַפּאַנישען אויסשפּיר-דינסט.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"
ב. יאָסעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאָפעלושאַרניע)
קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן אויפוואַשען אויפ'ן אַרט),
4) כעמיש ריינינגען און פאַסאָנירען קאָפּעלושן.

Kino - Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
הייראַט פון א פאַרפאַל —
הייראַט פון ליעבע!
פרעהליכע קאָמעדיע פון 4 פערליבטע!
JEGO ZŁOTA RYBKA
פרעהליכסטע אַקטועלע קאָמעדיע!
אין די הויפּט-ראָלען:
זשאַן האַרלאָוו, מירנאַ לאָי, וויליאַם פּאָוועל, ספּענצער טראַסי

KINO „EDEN".
די ליבלינג פון פּובליקום אננאַבעלאַ און דער גענישלער קאָנראַד ווייד אינ'ם מעכטיגען ראָמאַנטישען פילם לויט דער ערצעהלונג פון אַל. דומאַס
SERCE i SZPADA
ליבע און העלדישקייט בשעת א בירגער-קריג
שבת און זונטאג מיטאג
Tarzan i Zielona Bogini.

Redaktor i wydawca: B. Rosine

Druk B. Rosie...